STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08040

VAYSE TOYERN

M. Yungman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה יונגמאַן
*
ווייסע טויערן

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דעם
„יודל און שרה באָרנשטיין־פאָנד" ביים י.ל. פרץ־פאַרלאַג
לויטן באַשלוס פון דער זשורי.

משה יונגמאן

ווײַסע טויערן

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל
1964

MOSHE YOUNGMAN

W A Y S E T O Y E R N

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str. Tel-Aviv, Israel

*

משה יונגמאַן / ווייסע טויערן

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ה
Printed in Israel, 1964

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

פון פינקס

אין דיר, דורך דײַנע װײַסע טויערן, רײַטן אַרײַן די גאַסן פון מײַן דאָרף.
מיט אַלעביימער, אַלע גראָזן, מיט אַלע שטיינער, װאָס זוכן זיך אַן אָרט,
און אויך מיט אַלע כאַטעס, װאָס איך האָב אַרויסגעשעפּט פון טונקעלן װאָרט,
װי פון אַ טיפן קוואַל, און זיי בסוד מיט דײַנע שטילקייטן געפּאָרט...

און מענטשן שפּאַרן דורך די װײַסע טויערן אין דיר אַרײַן, אַרײַן,
װײַל ס'איז זיי נאָענט דער װעג פון װאָרט, װאָס ראַנגלט זיך מיט װעג פון פּײַן.
מיט גרויסע טריט און קליינע טריט דערגרייכן זיי די שוועל פון דײַן
שטיל-װאָרקענדיקן בלאַט, װאָס דאַרף פאַר זיי אין װעג אַן אָפּרו זײַן.

שטייען אין גרויסע זונפאַרגאַנגען תמיד אָפן דײַנע װענט
פאַר אַלע דורכגייער און קלאַנגען, װאָס דו האָסט פריִער ניט געקענט.
און װײַסער ביסטו נאָך אונטערן עיל פון טאָג, װאָס ברענט
אַ שורה נאָך אַ שורה אין דיר אויס, און װערט פאַרלענדט...

קלינגען די װערטער דעמלט מידע װי אַ טשערעדע, װאָס גייט אַהיים
און טראָגט מיט זיך, אין פולע אײַטערס, ריח פון אַ װײַטן פליים.
ביסטו דער טיש פאַר זיי און שמעקעדיקע לאַנקע, אַנגעברייט און ריין,
און דו באַלײַכטסט זיי, הינטער סטירטעס נאַכט, מיט קליינעם נאַפטלאָמפּ
אין געהיים...

זענען די װערטער, װאָס דו װיקלסט איבער טיר און פענצטער אויס:
אַ רויכנדיקער טאַטע אויף דער שוועל פון נײַעם הויז,
אַ יונגע מאַמע מיט אַ זייג-קינד אײַנגעטוליעט טיף אין שויס,
און אַ לבנה-באַק, װאָס שײַלט זיך פון אַ גרינעם בוים אַרויס...

ליגן די טאָװולען אָפן. און זיי לײַכטן נאָך און נאָך
מיט װערטער אויפגעקליבענע אין גאַס און אויפגעסיליעטע אין מיטן װאָך,
בשעת שטערן קײַקלען זיך אַראָפּ פון הימל און זיי װערן מאָך.
אַ פויגל שרײַט. און אַנגעדראָלן װערט די װעלט מיט תוך...

פון פינקס

א

מיר האָבן גרויסע סעודות געהאַט
מיט הבדלות און בעלעמער הימלען —
אַז אַפּילו די שיריים אויף אונדזער טיש
גליִען היינט נאָך ווי איידלשטיינער.

און אַפּילו די שאָטנס, וואָס געבליבן אונדז
נאָכן טאַנץ פון רבייִשע זאָקן —
ליכטיקע שאָטנס, ווייל נאָך דאָ אַ טאַנץ,
און נאָך דאָ דבקות צו אַ קליין וואָרט.

און אַז מיר ציילן אויף דאָס קבצנישע
ביסל שטערן אין קעשענע —
הוי מיר, מיט די אויסגעריבענע שטיוול און פּאַזוכעס —
נאָך אַלץ גבירים פון דער וועלט.

ב

דער פּינקס מיינער — פול באַלאַדן מיט ייִדן
זומערדיקע, ווינטערדיקע,
גייענדיקע אין לאַנגע שורות צו יאַרידן,
אַהיימקומענדיקע ביים סוף וועג.

יעדעס וואָרט אין פּינקס — אַ קליינע כאַטע
מיט אַ מאָכיק היטל אויפן קאָפּ.
איז גוט אויסצושטרעקן זיך און פילן,
אַז מ׳איז ראוי צו אַ קליינער כאַטע.

כאַפּט מען אָפּ מינחה־מעריב...
אַ פֿאַרייכערט נאַפּטלעמפּל אין אויג...
און אַ לעבל ברויט אויפֿן ברעג טיש
דערוואַרעמט די גאַנצע וועלט.

ג
בלאָער טשאַד פֿון „ויתן לך".
קוימענס רויכערן אַרויף שטערן צום הימל.
אליהו הנביא שפּרייזט מיט קאַראַמיסל
איבער די שמאָלע געסלעך פֿון פּינקס.

טראַט נאָך טראַט. אליהו שפּינט
מעשׂיות אַריין אין די שייבלעך.
מאַמע פֿאַרגלעט מיט אַ ווייסער האַנט
די אויגן, וואָס פֿאַלן צו.

מעשענער שעפּער אין ווינקל. דעם זיידנס
באָרד שמייכלט אוים אייביקייט.
שמייכלט אוים לידער שפּאָגל נייע
פֿאַר אַ פּולער וואָך.

ד
איך חלום פֿון ירושלים.
אַלע הימלען — פֿאַרמעט,
אַלע וואַסערן — טינט...

עפֿנט זיך אַ טונקעלע טיר
און משיח קומט אַריין. ער האָט דאָס פּנים פֿון מיין זיידן.
דאָס חלבנע ליכטל ציט זיך, ציט זיך צו אים
און צו דעם שמייכל, וואָס אין זיין באָרד.

אין דרויסן שטייט דאָס אייזעלע
מיטן גאָלדענעם זאָטל, וואָס מאַמע האָט אָנגעגרייט.
מאָרגן וועלן ייִדן גיין מיט תפילין-זעקלעך אונטערן אָרעם
און זײַן אויסגעלייזט.

פֿאַרשאָטענע גרילן אין ווינקעלעך.
דער אָלקער אײַנגעדעקט אין בלאָען שלאָף.

אָלע הימלען — פֿאַרמעט,
אָלע וואַסערן — טינט...

ה

אין פּינקס מײַנעם וואַקסן נאָך אַלץ
דעכער אויסגעבעטע מיט מאָך,
אויף וועלכע ציגן שפּרינגען אַרום
און צופּן אָפּ די בלעטער פֿון דער לבֿנה.

טריפֿן נאָך אַלץ שטערן
אַראָפּ אין די שײַבלעך
און פֿאַרבן אָפּ אַלע פּנימער
גרין.

תהילים-ייִדן
מורמלען נאָך אַלץ צונויף
ברינימער,
געסלעך,
שוועלן,
וואָס זענען אוראַלט.

ו

אין אַלע ווינטערדיקע דפים
קלינגט אַ נאַכטיקער שליטוועג
מיט חסידים
פֿאַרנדיקע פֿון אַ מיצווה-טאַנץ.

שיכורע ביימער מיט העק
האָבן קיין שליטה ניט,
פֿון זינט דער רבי
האָט אויף זיי אַרויפֿגעוואָרפֿן
אַ טיפֿן, זילבערנעם שלאָף.

ערגעץ אין אַ וויַיטער כאַטע,
ביַי אַ נאַפֿטלעמפּל,
מאָלט אַ ייִנגל אויס
אַ שיכורן שניימענטש
מיט דריַי נעז.

ז

בלעטערט מען צוריק — אַ וועלט.
מע האַלט זיך נאָך ביַים פּאָרטרעט פֿון מאַמע,
מע קוקט אַרויף צום בלעכענעם האָן אויפֿן דאַך
און מע מיינט, אַז ער איז אַשמדאי.

צוגעקניפּט צו דעם פּאָרטרעט פֿון מאַמע
פֿליט מען דערנאָך איבער די הויכע בערג.
קומט מען צוריק און מ׳איז גרויס ביז צום הימל
און אַלע קניִען פֿאַר דיר.

האלט מען אַ רויטן עפּל אין האַנט,
נאָר מע עסט אים ניט, ווײַל ס׳איז אַ שאָד.
ווײַל מער דאַרף מיט אים אָפּגילדן אַלע רינשטאָקן,
אַרײַננעמען אין אים דאָס גאַנצע דאָרף.

ח

צווישן די שורות פון פּינקס
קאָן מען נאָך אַלץ זיך טרעפן
מיט אַ שטיקל זון, מיט אַ כּזית שאָטן,
ליגן מיט זיי, דאָס פּנים אַרויף,
און זיך פילן אין דער היים.

אַלטע שיכּרות. ווערטער
וואָס פורעמען אוים אַ שליאַך,
וואָס ציען, אײַנגעשפּאַנטע אין בלאָען הימל,
אַוועק אין אומענדלעכקייט.

אויפלאָדן קאָן מען נאָך אַלץ
ווײַסע כמאַרעס אויף זיי.
אַזעלכע, וואָס זיידע פלעגט אַרויסשמייכלען פון באָרד,
אַזעלכע וואָס האָבן הויך געמאַכט די וועלט.

מיין זיידע

מײַן זיידע האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט כריזאַנטעמעס —
ווײַסע סאַמעטענע האָר, פֿאַררוקטע אויפֿן שטערן.
און ווינטער, ווען עס פֿלעגן ווינטן אונדזער דאָרף פֿאַרקערן,
האָט אויך די שטוב געהאַט אַ דאַך מיט ווײַסע כריזאַנטעמעס.

פֿלעגן זיך סיליען ווײַסע פֿעלדער אויפֿן שליטוועג,
און קינדער אָנגעפּעלצטע פֿלעגן שאַרן כריזאַנטעמעס,
ביז הענטלעך זענען גלאָז געוואָרן, רויטע הענטלעך
אַרומגעטאַנצט מיט פֿרייד אויף ווײַסן, שטומען שניי־מענטש...

האָ! און עס פֿלעגן בליִען כריזאַנטעמעס
אויך אויף די בלאָע שויבן פֿון מײַן אײַזלאַנד...
און נאָר דער פּלאַם פֿון גרויסן, פֿרײַטיקדיקן אויוון
פֿלעגט קאָנען אָפּשוואַכן אין מיר דאָס ליכט פֿון כריזאַנטעמעס.

מיין טאַטע

ליד פון טשערמוש און פון הוצול,
פון דעמבעס און קאַרפּאַטן.
און אַ שטוב מיט קינדער פול —
אין די אויגן פון מײַן טאַטן.

פירן וועגן קיין סניאַטין
און חלומות — קיין פּאַדײַעץ.
פּרנסות דאָרטן — דין-דין-דין,
צו דערהאַלטן קוים דאָס חיות.

גזלנים-טשאַטעס אומעטום.
„יויזלעך" אין פּוסטע העקן.
פליִען בײַ נאַכט „וואַוקולאַקעס" אַרום,
און קינדער צו טויט דערשרעקן.

לײדיקע שטאַלן. בלינדע נעכט.
אינעם וועלדל אַ בית-הקברות.
אַ באָבעצע גייט אַרום און שפּרעכט
אין די שטיבער אָפּ עין-הרעס...

אויך אַ צערקווע מיט אַ גרינעם פּלויט
און אַ טאַלעקע פאַראַן איז.
יעדע חגא, בײַם אָוונטברויט,
צעפלאַקערט זיך דאָרט אַ „דאַנעץ"...

וויגט זיך אַ דערפל אין בלאָ און גרין,
און דראַפּעט זיך אויף סקאַלעס.
הוצולן, שיכור פון ווײַן און טוטין,
כאַפּן זיך אוים די כּלהס.

שטעכט מען מיט מעסערס זיך ביז בלוט,
מיט דריגעס האַלץ זיך טויט מען.
גאַלט מען אָפּ איינעם פּאַר אַ רעקרוט,
דעם צווייטן אין טרומנע באַגלייט מען...

גוייִם מיט ווידלעס און מיט העק,
און מייַן טאַטע אין דער מיטן
מיט אַ פּאַראומערט בינטל טעג
אויף וואָגן צי אויף שליטן.

פירן וועגן קיין סניאַטין
און חלומות קיין פּאָדוויִעץ.
פּרנסות דאָרטן — דין-דין-דין,
צו דערהאַלטן קוים דאָס חיות...

ט ע ג

נעכטיקע טעג, געבוירענע אין ימען גראָז.
נעכטיקע טעג, וואָס צעפאַלן זיך בײַ יעדן בלאָז.
נעכטיקע טעג, וואָס מאַכן שיכּור מײַן כוס.

און אַ שטוב וואַקסט אַרוים פון די טעג מיט אַ דאַך, וואָס איז רויט,
און אַ קאָזע לעם איר, וואָס גריזשעט אַ זילבערנעם פלויט,
און עמעץ אויף שטויביקן שליאַך פירט אַוועק אַלץ מיט פינצטערער בויד...

נאָר פלוצעם זיי קערן זיך אום, זיי פאַרקירעווען אַלץ אויף צוריק.
די נעכטיקע טעג ווערן נענטער: מ׳שטייט שוין פון ס׳נײַ בײַ אַ וויג,
מיט אַ מעשענעם לאָמפּ אינעם שאָטן, מיט אַ דאָרפס-ייִד, מיט שטעקן און שטרי

און אָט איז אַ מנין און מערער מיט לאַנגע, שמויסענע בערד:
קריאת-שמע מ׳מורמלט, פון ווײַטן הירזשעט אַ פערד.
און עפּעס אַ הילצערנע סטעליע דריקט דעם אָטעם אַראָפּ צו דער ערד...

הענגען די טעג ווי דערשראָקן, די הייליקע נעכטיקע טעג.
מ׳קוקט דורך פאַרפרוירענע שײַבלעך אַרוים צום דערטרונקענעם וועג.
מ׳זעט: דער רבי, זכרונו לברכה, איז נעלם געוואָרן, אַוועק.

נאָר מ׳ווייסט: ער וועט ווידער באַלד קומען מיט סוויטע געטובלט אין זון.
מ׳וועט פלעכטן די בערד צוגעשפּיצטע אַזוי ווי אַ קראַנץ אים אַרום,
און נעכטיקע טעג וועלן גליִען מיט שטרײַמלעך אויף קעפּ אָנגעטאָן...

נעכטיקע טעג, געבוירענע אין ימען גראָז.
נעכטיקע טעג, וואָס מאַכן שיכּור מײַן כוס.
נעכטיקע טעג, וואָס צעפאַלן זיך בײַ יעדן בלאָז...

דער באַהעלפער

יעקב זיפערן

פון פאַרנט, פון הינטן מיט קינדער באַקלעפּט:
פון קעלט און פון הונגער פאַר פּאַלעס געשלעפּט.
נאָר מיט קאָפּ אין די הימלען — אַזוי אָטעמט, לעבט
דער בעש"ט אין אונדז. דער באַהעלפער.

דאָס דינע כאַלאַטל אין ווינטן — אַ זיפּ.
און אין בלאָטע, די שטיוול — אַ כליפּ נאָך אַ כליפּ.
אָבער די זון גליט, ווי שטענדיק, אין אויג און אויף ליפּ
פון הייליקן בעש"ט. דעם באַהעלפער.

ווענען זעט ער מיט זוניקן אויג, ווענען פילט
ער אויף ליפּן, וואָס עס ציטערט, שפּילט
ווי אַ פידל אין אונדז און זיך טאַנצן ווילט
צוזאַמען מיט בעש"ט, דעם באַהעלפער?

דאָך די גאַסן, ווי תמיד, אין בלאָטע און שרעק
און אַ צווינטער פאַרשטעלט אונדז מיט צלמים דעם וועג.
דאָך קראָען אויף דעכער, מיט שנאָבלען ווי העק —
צי זעט דאָס ניט בעש"ט, דער באַהעלפער?

ניט אמת! ניט צלמים, ניט קראָען, ניט קעלט!
אַ לאָנקע האָט פּלוצעם אין האַרץ זיך צעהעלט
מיט זילבערנע ביימער, מיט פייגל צעטרעלט —
אַ מעשה פון בעש"ט, דעם באַהעלפער.

און אין ליכט פון דער מעשה מ׳גייט און גייט
מיט געפרווירענע הענט, זאַלבענאַנד, זאַלבעצווייט,
פאַרוויגט און פאַרכישופט — אַ קינדערשע קייט —
נאָכן הייליקן בעש״ט. דעם באַהעלפער.

אַן אָפענע לאָנקע פון זונען פאַרוועבט;
און אַ ברונעם אין איר מיט קינדער באַקלעפּט.
יעדער איינער שטרעקט דאָרשטיק אַ האַנט אוים און שעפּט
מים־חיים פון בעש״ט. דעם באַהעלפער...

דער קונצנמאַכער

איציק מאַנגער

א

ווי זאָל זיך הינטאָן קונצנמאַכער מיט זײַן ליד,
אַז קיינער וואַרט ניט, קיינער דאַרף אים ניט?

פֿאַרשימלטע גערעלן בײַ מאַשינען —
קאָנען דעם פֿאָדעם פֿונעם ניגון ניט געפֿינען.

שטאַראוויגיק שטייען זקנים בײַ די פּלויטן,
און דזשאַמדזשען זונפֿאַרגאַנג מיט פּנימער פֿאַרבלויטע.

און אַז עס קרעכצט אַ כּלי־זמר אויף אַ סטרונע —
דערשרעקט ער זיך און טוט אַליין פֿאַרשטומען.

און אַז עס פֿאָרט נאָך דורך אין האַלבער נאַכט אַ וואָגן —
איז עס דאָס אייגן האַרץ, וואָס הערט ניט אויף צו נאָגן.

פֿינטלט נאָך דאָ און דאָרט אַ ליכטל הינטער לאָדן —
ווער דאַרף דעם קונצנמאַכער מיט זײַן לידל דאָ דען?

ב

שפּאַנט אַרום דער קונצנמאַכער מיט זײַן פּאַווע,
איבער אַלטע דעכער שפּאַנט אַרום ער.
און אויב דלות שוואַרצט אַרײַן אין אַלע לעכער —
זעט ער באַלד צעשײַנען איבער וועלטן זומער.

ווען ער באַלד צעשײַנען איבער וועלטן שטערן,
און די שימלדיקע סטריכעס מאַכן טאַנצן.
אַלע קוימענס, אַלע בוידעמער און הויקערס
וועט ער איבערניצעווען אין גאַנצן...

וועט ער איבערניצעווען מיט נאָדל־פּאָדעס,
מיט לבנה און מיט גרינעם גלעזל פרײַלאַכס.
הוי! דער דלות איז די קרוין פון קבצן,
נאָר די בלאָע פּאַווע איז דעם מלכס.

ג

קיזעלעך, קיזעלעך, מײַזעלעך —
וואָס נישטערט איר אין די אַלטע הײַזעלעך?
וואָס צעגריזשעט איר מיט שאַרפע ציינדעלעך
אַלע שטערנדלעך, אַלע שיינדעלעך?

ניט שוין־זשע ווײַל בלוט אויף די רינגעלעך,
און זקנים געוואָרן די יינגעלעך,
און עס סקריפּן לבנהס אין ברינימער
נאָך צײַט, וואָס צוריק וועט ניט קומען מער?!

צי ווײַל טויט איז געפאַלן אויף בוידעמער,
און קיין שטראַל טוט זיך דאַרטן ניט הוידן מער?
און דאָרטן ווי פלאַטערלעך, ווינדעלעך,
בלײַט מאָך אין זײַן פוילנדיק שווינדל־ליכט?!

דאָך פאַרמאַכט כ'האָב אויף אײַזערנע ריגעלעך
דאָס לידל, וואָס וויינט פון די וויגעלעך,
פאַרקאָוועט אין זילבערנע שקעטעלעך
די שטילקייט וואָס שפּאַנט איבער שטעטעלעך.

זאָל אַפילו ווינט ניט באַרירן זיי.
אין זײַדענעם שלאָף וואָס באַשירעמט זיי.
און קיין טראָפּן טוי ניט באַפלעקן זיי
דעם טרויער, וואָס טוט שטענדיק פאַרדעקן זיי.

קיזעלעך, קיזעלעך, מײַזעלעך —
וואָס נישטערט איר אין די אַלטע הײַזעלעך?
וואָס צעגריזשעט איר מיט שאַרפע ציינדעלעך
אַלע שטערנדלעך, אַלע שיינדעלעך?

דער אוצר

ווײַזן זיך אַ סך דען אוצרות, תמוז־נאַכט, בײַ אונדז אין שטעטל —
וואָס מיט מײַנעם כ׳האָב געשפּילט זיך שעהנלאַנג אין עטל־בעטל?

אויפגעשווומען אין מײַן אויג מיט ציטערדיקן בלענד און גלימער:
— „גיי און וואַרף אַרויף דײַן קאַפּטן. זײַ כאַטש איין מאָל דער געווינער!

הונטגעביל. און מילכוועג איבער פּלויטן. ס׳פּלעמל מאַניעט.
— „טוביה, טוביה! מיט אַ שטערן זײַ די בלינדע שטוב דײַנע מהנה!"

טריט נאָך טריט. און ער פּאַר מיר, אין צינגל און אין צאַפּל.
— „שטרעק נאָר אויס די אָדערדיקע האַנט! פאַרדעק מיך מיטן קאַפּל!"

כ׳לויף ניט. וואַרף ניט. ווי פאַרשיכּורט אין אַ גליווער.
טאַנצט פאַר מיר דאָס פלעמל, שטיפט און ווינקט זיך איבער:

— „גיבער איצט דעם קאַפּטן! ניט פאַרזאַמען, ניטע!
זע די פּערלדיקע קרוינען, זע די שפּיצן די צעגלִיטע!"

...טונקעלער און טונקעלער דאָס ליכט פון פלעמל.
ווו זאָל איך נאָך תמוז־נעכט מיט אוצרות בלאָע נעמען?!

כ ע ל ע ם

פאַר רחל אויערבאַך

אַלע וואָס האָבן כעלעם ניט געקענט,
וואָס האָבן זייער באָבע־זיידע ניט געקענט;
און קענען נאָר זייער אייגן פּנים,
און ווייסן נאָר זייער שמאָלע גאַס —

אויסגעשטרעקטע איבער דער גאַנצער הייך פון זייערע גאָרנס
שאַרן זיי אַראָפּ שטערן פון הימל
און ווייסן ניט אַז די אמתע
האָט מען האַלטן אין פינגער ניט געקאָנט.

שפּאָגל נײַע לבנהס קאָווען זיי אויס יעדן אָוונט,
נאָר קיין איינע קומט ניט
צו דער לבנה פון פאַרמעט
וואָס האָט אַרומגענומען אונדזערע שייבלעך.

און אויב טויזנט סטאַדעס אויף זייערע לאָנקעס —
וואָס זענען זיי
לגבי דער איינער ציג,
וואָס האָט אַרומגעשפּרײַזט
פראַנק און פרײַ — חצות —
איבער די קרוינען
פון אונדזער דאַך?

צו אַ בוך

אויף קליינע אַנטיקוואַרישע שטעלן
איך זוך דיך, און דו ביסט דאָ.
צוזאַמען מיט אַ זייגער־קוקאַווקע,
וואָס ווײַזט מיר די צונג יעדע שעה.

אין דײַן גרינעם טאָוולענעם קליידל
— אַ דײַטשל — דו וואַרטסט טאָג פֿאַר טאָג
ס׳זאָל זיך ווײַזן דער לאַסט־טרעגער טוביה
מיט זײַן טאַרבע ביטחון. אַ שאָד,

ווײַל ס׳ווײַזט זיך ניט, ווײַזט זיך ניט, טוביה.
אַנטיקוואַריש דעקט צו דיך די רו.
און אַ הילצערנע זייגער־קוקאַווקע
חוזקט צו יעדע שעה מיר: קו־קו...

שלום עליכם

א

ניטאָ קיין טויט, כל זמן עס שטאַמלט נאָך אַ געסל ערגעץ ווו
מיט דינעם קולכל פון טאַפּעלע טוטוריטו.

ווו כּאַטעס טוען נאָך מיט מאַטל פּייסים שפּראַצן —
האָב איך קיין מורא ניט, בין איך נאָך ניט קיין יתום.

ווײַל ס׳שמייעט זיכער נאָך אַרום דאָרט אַ מנחם-מענדל
מיט באָרד אין ווינט, מיט אַ לבנהש רענדל.

און ווער עס עפנט אויף די טרערנדיקע שויבן,
זעט אַלץ נאָך שטיין און טיילן ליכט פון קאַנען — טוביהן.

אַזוי פיל סטעמפּעניוס נאָך שטעקן קעפּ אַרוים פון טירן
און ווילן פון דער נאַכט קיין ניגון ניט פאַרלירן.

נאָך אַלע דאָ: די האַצמאַכס און די בלאָנדזשענדיקע שטערן.
מען דאַרף נאָר צולייגן אַן אויער צו דער וועלט און הערן.

ב

רינגלען זיי אַלע אַרום דיך אין קרייז.
לאַכן אויף ליפּן. לאַכן איז ווײַס.

פלעכטן זיך אײַן אין דײַן זשמורע פון אויגן.
אַלץ איז בנמצא. אַלץ איז געשטויגן.

אַט טראָגט אַראָפּ זיך פון לאַנקע אַ „מו":
נאָר אַלץ שטיפט אַ טאַפּעלע טוטוריטו.

קלעטערט נאָך אַלץ מאָטל־פּייסים אויף פּלויטן.
האָצמאַכס פאַרבײַיטן לבנהס אויף ברויטן.

אָט שיילן ווידער זיך אוים פון געלעכטער,
טוביה דער גראָער אין סטראָי מיט די טעכטער.

אָט שטעלט אַרײַן זיך מיט בערדל פון קלאָטשע,
מנחם־מענדל און אַלץ איז אים קשה.

סטעמפּעניום שטייען אײַנפּוסיק און פידלען.
יודקאָס און בערקאָס צעהיצטע זיך זידלען.

דער זעלבער המון מיט שטיף, זעקס־און־זעכציק,
אַמפּערט זיך, קאָכט זיך, קושט זיך און קרעקט זיך.

וויקלען זיך דערפלעך פון ס׳נײַ ווי אויף פּאָדעם,
און אַלע אין איינעם — אַ וועלט: חיי אָדם.

פּערלט אַ טרער זיך אין זשמורע פון אויגן.
אַלץ נאָך בנמצא. אַלץ איז געשטויגן.

דער פינקס בלעטערט זיך צוריק

דער פינקס בלעטערט זיך צוריק. איך שטיי בײַם תהום
פון ברענענדיקע טאָרפן. ברעקלען זיך די יאָרן
פון מיר אָפּ, און נאַקעט, אויסגעשיילט, — אַ דאָרן —
קלאַמער איך זיך אָן לעצטן זונשטראַל אָן.

שווײַגן די ווערטער אַלע. די פאַרקוילטע ערד
פון פינקס איז אַדורכגעבלוטיקט מיט קאַנאַלן.
איך קלאַמער זיך אָן לעצטן זונשטראַל. כ׳וויל ניט פאַלן.
כ׳האָב נאָך אַזוי פיל דאָרנדיקן הונגער אין די לעפצן. ווערט

דער פינקס אויפגעעשניטן ווי אַ שוואַרצע רויז. איך דרינג
אַראָפּ ביז אין די אינגעווייד[ן] פון די קלאַנגען. פלעכטן
זיך ווידער אויגן, פינגער אײַן אין מיר און שעכטן
דעם לעצטן זונשטראַל אָפּ — מיט וועלכן כ׳זינג.

דערנאָך איז תהום אין מיר. אַ שאָטן קנוילט
צונויף מײַן אָפּגעהאַקט געשריי. צעפּלאַמטע קברים
אין גרינעם, פאַספאָרדיקן ליכט. איך בײַם מײַן אָרעם
שגעונדיק ביז בלוט. און כ׳ווער אין טאָרף פאַרקוילט.

וואָרקוטע

א

וואָרקוטע — אויג אין דער טײַגע,
אויפגעריסענע ווי‫ע טרויער,
קום שטאַרבן מיט מיר.

נאַכט איז געפאַלן אויף מײַנע לידער.
איך בין געלאָפן, אַנטלאָפן פון אייגענעם בלוט,
און געוואָרן אַ פּאַספּאָרנער זײַל מיט שרעק.

גראָז וועט ניט וואַקסן מער אונטער די הימלען,
פון זינט כ׳האָב דיך געזען אַרויסשווימען
פון נאַרע,
און דײַן הויט איז געווען בלאָ
און אויסגעקראָכן
ווי שניי.

אַלע שליטנס האָב איך אײַנגעשפּאַנט,
געפּרוווט פון דיר אַרויסרײַסן די טײַגע —
נאָר מער ווי דײַן קליין,
פאַרקוילט פּנים
איז מיר ניט געבליבן
אין דער האַנט...

ב

פֿירט מיך צוריק קיין וואָרקוטע!
לאָזט מיר זיך נאָך אַ מאָל אויסגליטשן צוזאַמען מיט דער זון
און אַוועקשווימען אין אייגענעם בלוט.
לענאַ* איז נאָך ניט אויפֿגעטײַעט,
אָב* און יעניסיי* נאָך ניט אויפֿגעטײַעט!

פֿירט מיך צוריק קיין וואָרקוטע!
לאָזט אויף מיר אַראָפּ אַלע שלאַגבוימען!
וויקלט מיך צונויף אין אַ טראָפּן אײַז!
מיט אַלע בלינדע פֿערד וועל איך אַרומטאַפּן אין זאַווייען,
וואָרעם איז דאָרט, ווו ניטאָ מער קיין וועג.

...און אויף אַלע ביימער
לאָזט מיך אויסקריצן מיטן לאָמטערן
דעם שטומען, נאַכטישן טויט פֿון דער טײַגע,
וואָרקוטע...

ג

אונטערגעגאַנגענע אין דער טײַגע.
מיר ווערן פּאַמעלעך ביימער,
ווערן פּאַמעלעך מאַמוטן,
שוואַרצע הימלען וואַקסן זיך צונויף איבער אונדז,
קליינע רינען פֿון אונדז אַראָפּ לאָמטערנס.

האַרטע, קלינגנדיקע בגדים.
אונדזער לײַב איז אַ גלאָק פֿון לײדיקייט.
ווײַט, ווײַט פֿלאַטערט נאָך אַרום אַ האַרץ.

---

* לענאַ, אָב, יעניסיי — טײַכן אין סיביר

דו האָסט אויך אַ מאָל געהאַט פּים
איידער זיי זענען צעטאָפּיעט געוואָרן...

דאָס שטאָלענע אײַז אַרום אונדז!
מיר זעגן זיך אַ דורך און עס רינט ניט קיין בלוט.
אונדזער נאָמען איז אַוועק מיט דער פּאַרע,
געבליבן הענגען אין מיטן
ווי שניי...

ד

דאָ ענדיקט זיך אַלץ
מיט יעדן זיפּץ פון בוים,
יעדן זיפּץ פון מענטש.
לבנה פּאַלט אַרויס פון הענט
ווי אַ נאַסע זעג.
נאַכט וועט באַלד אַראָפּקומען
און דיך אויסטרינקען,
דו וועסט ווערן אײַנגעגלאָזט
אין איר שוואַרצן אײַז,
דו און דײַן אויסגעגאַנגענע לבנה
אין אויג.
וואָרקוטע...

ט י י ג ע

א

מיר קענען זיך פון טײַגע. אונדזער הויט איז בלאָ.
דו האָסט אַ לעפל אײַנגעשטעקט אין דײַן פופײַקע.
איך האָב פאַראײַזטע פינגער און איך פּײַקל
דאָס לעצטע ביסל האָפענונג אויס פון דנאָ.

מער גאָרניט דאָ. מײַן ווײַסער אָטעם בלאָזט
אַ דינע קאָרע גלאָז צונויף איבערן קענדל.
איך שפּיגל זיך אין איר. די בלאָע ביימער בלענדן.
דו האָסט מיר אויפן דנאָ דעם הונגער נאָר געלאָזט.

מיר קוקן שטום זיך אָן. דו שווײַגסט. איך האָב דיך פײַנט.
דאָס לעצטע גרייפּל זופּ איז אײַז אויף דײַנע ליפּן.
אַ צווײַג האָט אָפּגעטרייסלט פלאָקן שניי איבער דײַן היטל,
און דײַנע אויגן זענען בלייך ווי שניי. איך האָב דיך פײַנט.

מיר גייען ווײַטער איצט. דער וואַלד איז בלאָ.
די שמאַטעס אויף די פיס זענען ווי האָלץ. זיי סקריפּען.
...און איך האָב דאָך מײַן ברויט אויף צווייען גלײַך צעשניטן
און דיר אַוועקגעגעבן. האָסט געגעסן. יאָ!

די ביימער רוקן זיך צונויף. שוין טונקל. שניי נאָך שניי
ווי מעסערס פּאָכעדיקע לעשן אויס דעם אָטעם.
איך האָב דיך פײַנט! ס׳איז אָפּגענאַרט דײַן סאַפּען,
און דו, נאָר דו, ביסט שולדיק אויך אינעם זאַוויי...

אײנאויגיק בלישטשעט דער פּאָסיאָלעק *. סקריפּ נאָך סקריפּ.
דו שטייסט אין עיגול שײַן. דו ביסט אַ זקן.

---

* פּאָסיאָלעק — ישוב

דײַן לעפל — אַ קינדזשאַל אין דער פּופּײַקע. און דערשראָקן
טראָגסטו מײַן טלִיענדיקע שנאה אין דײַן קענדל מיט...

ב

דו ביסט געווען ווי איך. כ'האָב דיך פֿאַרשאַרט אונטער אַ בוים,
אינמיטן ווײַגע. דיך פֿאַרשאַרט און — שווין.

כ'האָב ניט געקענט דיך. דײַן פֿאַרשנייטער גאַנג
אָן פּנים און אָן פּיִם געווען, פֿון לאַנג.

האָט קיינער ניט געוווּסט דײַן נאָמען. קליין און גרײַז
ביסטו געגאַנגען און געגאַנגען און געוואָרן אײַז.

און אפשר איז דאָס איך געווען, מיט האַק און זעג,
וואָס דו האָסט דאָרט פֿאַרשאַרט בײַם ראַנד פֿון וועג?

ג

איך שנײַד אויס אַ ליד פֿון נאַכט. טו אָן עס מיט שטערן,
צעוויג עס אין ווײַגע און ווינט — טויט אַ טײַגע דאָרט ווערן.
איך אין דער טײַגע, אַ קליינער און בלינדער בין ווידער.
ווי קומען צו ביימער און ווײַגע אויף וועלף מײַנע לידער?

שפּיזן מיך אויף אין דער פֿינצטער צוויי פֿאָספֿאָרנע אויגן:
— „ווּ ביסטו אַוועק? ניט געענדיקט דײַן בלוט נאָך צו זויגן!"
וועלפֿישע אויגן שפּיזן מיך אויף אין וועלדער פֿון גליווער —
ווי קומען צו ביימער און ווײַגע און וועלף מײַנע לידער?

האַלדזן אָרום מיך, ווי אָרעמס פֿון ריזן, די צווײַגן.
ריזן, אין פֿאַנצערס געקאָוועטע, לאָזט מיך פֿאַרבײַ גיין!
ריזן זיך טרייסלען פֿאַר לאַכן, זיך בייגן אַראָפּ און אַריבער.
ווי קומען צו ריזן און ווײַגע און וואַלד מײַנע לידער?

ביכער פון טויטע

איך האַלט ביכער אין האַנט.
דאָס זענען די ביכער פון מײַנע טויטע פרײַנד.
זיי דערמאָנען מיר אָן די פרײַנד,
ווען מ׳האָט זיי אויסגעטאָן דאָס פּנים.
די אותיות פון די ביכער — פּוסטריט פון מײַנע פרײַנד
איבער דער טײַגע.
נאָך זע איך זיי גיין,
געטריבן פון טונקעלע לאַמטערנס,
מיטן קאָנוואָי.
אותיות, פרײַנד,
ניט געקומענע צו קבר־ישראל.

איך האַלט ביכער אין האַנט.
ביכער־גלגולים,
וואָס טוען ווײ,
וואָס מ׳וויל פון זיך אַרויסרײַסן.
ביכער פון קלאַנגען, בילדער, צײַט.
עמעץ איז געשטאַנען און האָט זיי אויפגעקליבן,
עמעץ האָט בלאָע ווערטער אַרײַנגעקלאַפּט אין פּאַפּיר.
מיר האָבן אים גערופן האַפּשטיין.
מיר האָבן זיי גערופן מאַרקיש, בערגעלסאָן.
מיר זעען זיי הײַנט ווידער
מיט קלאַנגען, בילדער, צײַט
זוכן דעם וועג צו אונדז
פון הינטער קריִעס אײַז.

די ווערטער, וואָס זיי קלאַפּן אַרײַן,
זענען איצט אַנדערע.
דאָס זענען גלגולים פֿון ווערטער.
אײַז.

איך האַלט ביכער אין האַנט.
ביכער, וואָס וואַרעמען ניט,
ביכער אָן פֿליגל.
דאָס א מ ת ע איז געבליבן ווײַט.
דאָס אמתע בלאָנדזשעט אַרום הינטער הרי־חושך.
ניטאָ קיין איין וואָרט אין דעם,
וואָס איז ניט אײַנגעזאַפּט מיט הרי־חושך.
דאָס אמתע פֿויזעט אַרום צווישן טײַכן טויט
און שעפּט פֿון דאָרט אַרויס ליכט.
עס וואַרעמט זיך בײַ דעם ליכט.
עס דערוועקט פֿאַרלאָשענע ווערטער.

דער נייער יישוב

דער נײַער ייִשוב

א

שטייען זיי ברייטע און יוסטע, מיט דעכער פאַררוקטע צום הימל,
מיט שילדן רויטע און גרינע צעשפּילטע אין טוי און אין נײַקייט,
ווינקען צונויף, אין קאַליוזשקעלעך לעצטע מיט קאַלך, די פאַרשײַטקייט
פון זון אין צעבויגענע בלעכן, דעם טשאַד פון באַגינען,
ווען בערג אײַנגעוויגטע אין ווינדלען פון שלאָף טוען אויס זייער ווײַטקייט,
רוקן צונויף זיך און ווערן גאַנץ נאָענט, אָנגעברייטע צו דינען...

יאַוועז זיך ערשטע, ניט זיכערע טשאַטעס פון געסט-וואָראָבייען:
געקומען באַקוקן די ווענט, אויסגעשיילטע פון נעץ רושטאָוואַניעס.
אַזוי פיל שפּע פון ליכט און רחבות פון גאָלד דאָ פאַראַן איז,
אַזוי פיל שטילקייט, ווי פּוך, אומעטום טוט דאָ ווייען.
סטריכע נאָך סטריכע אין טאַנץ און ס'איז יעדע מרמז:
נעסט נאָך אַ נעסט אונטער אונדז וועט מען באַלד טאָן פאַרזייען.

שפּיגלען זיך הייזער אין אייגענעם סוד, אויסגעטאָקטע און זאַטע,
חנדלען זיך פרישע מיט טרעפּ און מיט פענצטער-באַלקאָנען.
אָט האָט אַ ווינדל אַן ערשטס זיי געגעבן אַ טאָלק און אַ נאָמען.
אָט האָט זיך גאָרגלדיק לעבן צעשפּילט אין אַ קראַן אַ האָרבאַטע,
און אָט טראָגט אַ גאַס שוין אַ גאַנצע, מיט שליאַך און מיט שטויב, די סימנים,
אַז ס'הייבט זיך שוין אָן, כאָטש ס'אין גרין, כאָטש ס'איז יונג אַלץ לעת-עתה.

ב

זיי קומען אָן מיט קוישן, קוישן, קוישן
אויף נאַקעט-ברוינע הענט, אונטער כאַלאַטן.
וויגט זיך אַ קויש אויף הויקער פֿון אַ טאַטן,
און קינדער קרייען פֿרייליכע פֿון קוישן.

גליטשט זיך אַ זונפֿאַרגאַנג אויף גאַסן. רוישן
די פֿאַרמעטענע שאָטנס צווישן שטיבער.
פֿאַרפֿלאַמטע שײַבלעך קושן זיך בציבור,
און ס׳קנײַפּן זיך בגנבה צאַן-קדושים,

וואָס טאַטעס שלעפּן, שלעפּן אין די קוישן
פֿון הרי־חושך אָן, פֿון מאַראָקעש און גושן...

ג

די שטוב איז קליין און ווײַס: פֿון פּאָדלאָגע ביז סטעליע.
קויב קאָן מען שטיין אין איר און מען קאָן שלאָפֿן.
נאָר שפּעט בײַ נאַכט, ווען האַלטסט דאָס אויער אָפֿן —
הערסטו די קלענסטע שטערן גליטשן זיך פֿון סטעליע.

און ס׳איז די שטוב אין דיר. דו פֿילסט איר אָטעם.
דו האַלטסט זי אויף דײַן האַנט און ביסט זי טועם.
די שטוב אין דיר איז פֿול מיט בלאָע שעהען,
וואָס וויקלען אײַן, פֿאַרוויגן דיר דײַן אָטעם.

איז זי דײַן שטוב, און דו ביסט אין איר ווײַס.
און ס׳בליט בײַ נאַכט דײַן העמד אויף דיר ווי פּערל —
ווײַל ס׳זענען דיך מקרב אירע שטערן.

ד

אַלע זאַלן ליכטיקער זײַן,
אַלע זאַלן קענען אויפנעמען די לבנה,
אַלע זאַלן קענען אַרויפוואַקסן צו דער לבנה
ווי גראָז, ווי בלעטער פון אַ בוים —

האָב איך אויסגעשניטן אַ פענצטער אין דאָרף,
האָב איך כאַטעס אַרויסגעשטעלט אונטער אָפענעם הימל,
טאַטעס, מאַמעס, קינדער אַרומגעזעצט בײַ אַ טיש
מיט אַ לאַבן ברויט, מיט אַן אויפגעשניטענער קאַווענע.

די בלאַסטע שטערן האָב איך אײַנגעשפּאַנט
ס'זאָל ליכטיקער ווערן.
אַלע גאַסן ווייסן הײַנט
דעם פאָדעם, וואָס פירט אַהיים...

פאַר טאָג

א

וועל איך אָנטרינקען ווידער די לידער
מיט אַ הויכן שטילן פאַר טאָג;
ווײַזן דער גאַנצער וועלט ווידער
וויפל טויען און טרערן כ׳פאַרמאָג.

זאָל די גאַנצע וועלט ווידער וויסן
וויפל ס׳ווענדט זיך אָן אַ ליכטיק ליד,
ווען ערשטע שטראַלן באַגריסן
יעדן אות וואָס צו תפילה קניט.

ב

ווײַסע כאַטעס —
ווער האָט אײַך דאָ אַוועקגעשטעלט,
ווער האָט אײַך דאָ אָפּגעלאָדן
קליינע, מיט רויטע דעכער
פון אַ מעשה-ביכל?

צי פון די קאַרליקלעך אַנטלאָפן,
צי פון ריזן
מיט די גרויסע העק?

צי האָט דער מכשף
מיט זײַן גאַנצן כישוף
אײַך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן,
ווײַל — יונג זײַט איר,
ווײַל טאָג אין אײַער בלוט?

אויסגעשײַערטע,
מיט לאַכנדיקע אויגן —
ווער האָט אײַך דאָ אַוועקגעשטעלט
אין דער מיט פון וועלט?

נ י י ע ש ט אָ ט

אויף טונקעלע הימלען — נאָך די אַלטע שטערן.
נאָר אונטער זיי — צעבליִטע יונגע ווענט.
אַ נײַע שטאָט — אַ זילבערנע — דער קרן,
די לידער, וואָס מ׳זינגט צו איר — פּראָצענט.

דער אוצר וואַקסט. מיר זענען איצט גבירים
צו קענען זיך פאַרגינען, אויף אַ קול,
אויפצייִלן שויבן, אויסרעכענען טירן,
און זיך פאַרפּלאָנטערן, ניט וויסן זייער צאָל.

דער אוצר וואַקסט. ניט שייך מאָס, צי גרענעץ.
ניט שייך הייך פון גאָרנס, צי פון דאַך.
דער קלענסטער טשוואָק גיט צו אַ נײַעם רמז,
דער גרינגסטער שטיין — אַ פּשט: ס׳וועט זײַן אַ כּרך.

חשבונט מען ניט... מ׳לאָזט די גאַסן לויפן.
און זאָלן פּים דערפירן זיך אַליין.
און זאָל אַ יעדערער דערפילן, אויף זײַן אופן,
ווי דער סך־הכל איז דער זעלבער: היים.

שבטים

א

מיר גייען זיך אַנטקעגן. ווערטער ווייסע,
נאָך ניט געשריבענע פון פען, נאָך ניט באַפלעקטע,
פאַלן אַראָפּ צו דיינע פיס. דו בייג זיך אָן.
נעם אָט די ווערטער פון מיין האַרץ און טו זיי אָן.
זיי זענען אויסגעשטרעקט ווי הענט און זענען ווייסע...

מער האָב איך ניט. נאָר כ׳גיב זיי דיר אַוועק
פאַר דיינע לאַנגע נעכט. פאַר ניט־דערוועקטע־
חלומות־נאָך־אין־דיר. איך הער דיין שטומען
דערשראָקענעם געזאַנג, וואָס אין דיין קומען,
און דיינע שטילע טריט אין מיר אַנטפּלעקטע.

זענען די ווערטער מיינע לאַשטשענדיק ווי גראָז,
און ציטערדיק ווי שלאַנקער האַלדז פון פרויען.
אין זיי זאָלסטו פאַרשעמט אַ נעסט דיר בויען —
ווייל אין די ווערטער מיינע — פול דיין מאָס...

ב

מיר קענען זיך פון לאַנג, נאָך פון רמבמ״ען.
געטראָגן האָבן מיר די היים אין זיך ווי אַ קמיע.
אין אַלע שטיבער האָט געבליט דער יורה־דעה,
געפאַרבטער דיל און חכמה פון רמב״מען.

געווען אַ וועלט פון זון און פון פייטנים,
געבענטשטע טישן און הכנסות־כּלות.
אין אַלע אויגן האָט געפאָכעט ווייס דער טלית,
און שבתדיקע שלוה פון פייטנים...

פון ווייַטע לענדער האָט אַ גרויסער טאָג
געטראָגן אונדז אַנטקעגן איינס דעם צווייטן,
אונדז אָנגעפילט די קעשענעס מיט קווייטן
און אונדז פאַרקעמט מיט שטראַלן ווילדן לאָק.

ג

פון ערגעץ־ווו
און פון אומעטום.

קיין מאָל ניט געזעענע,
און דאָך באַקאַנטע ביז גאָר.

די זעלבע גרינע פּנימער,
די זעלבע שוואַרצע בערד.

קברות־יידן,
למד־וואָוון.

מורמל פון תפילה,
תיקון חצות.

ד

זיי קומען פון ג׳ערבאַ.
זיי קומען פון מעקנעס.
זיי קומען פון די היילן פון אָדם־הראשון.
טויזנט יאָר האָבן זיי געקליבן שטערן אין מידבר.
טויזנט יאָר געטריקנט לבנהס אויף בערג.
הויכע, מיט בורנוסן איבער די קעפּ,
האָבן זיי אַראָפּגעוואָראָזשעט אַ גאָט,
וואָס האָט קיין מאָל קיין שמייכל ניט געטאָן.
זיי האָבן אים געזען אין די דערנער,

זיי האָבן אים געזען אין קמיעות און אויערינגלעך.
טונקל, מיט ווײַב און קינד,
איז ער געזעסן אויף הויקערס פון קעמלען
און אויסגעטרעטן פאַר זיי אַ וועג.
זיי זענען געגאַנגען דעם וועג.

געווען אַ סאַמום — זיי זענען געגאַנגען.
ליקוי־חמה — זיי זענען געגאַנגען.
מעטשעטן הינטער זיי
האָבן אויפגעהאַלטן דעם הימל
ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן —
אַזוי נידעריק איז ער געווען.

ה

נעמען: אַ ק ו ק אַ, ז אַ ז ו ן.
אויפגעקליבענע אין זאַמדן,
אויסגעבאַקענע אויף אויוונס
בײַם ריח פון טיזיק*,
צוזאַמען מיט שטערן,
צוזאַמען מיט האַלבע לבנהס פון מעש —
איר ט׳געקלונגען אין אַט דעם מעש
אויף די העלדזער פון מיידלעך.
אין אײַער דין־דאַן
האָבן ווײַבער געקלאָגט,
האָבן זקנות וואָראָזשעט דעם אייגענעם טויט.
איר האָט פאַרטריבן דעם טויט
מיט אײַער שיפֿען פון דערנער.
ניט איין מאָל דערטרונקען אונטער אײַער שטעכיקער לאַסט,
האָבן מענער געשאָכטן דעם טאָג,

* טיזיק — ברען־מאַטעריאַל אין מידבר

און צונטער פון הונגער און האַס
קליין געמאַכט האָט אימה פון בערג.
אויגן האָבן זיך געשליפן,
ווינטן האָבן געיאָגט,
איר האָט אַלץ אַרומגעגורט
מיט אײַערע ווילדע,
וואַרנדיקע טראַפן:
אַקוקאַ, זאַזון...

מחנה־ישראל

א

צײַט היפּערט איבער מחנה־ישראל.
מחנה־ישראל איז ניט געבוירן אויף אויסצוהאַלטן די צײַט.
אירע בלעכענע דעכער סקריפּען,
שטערן לאָזן איבער שטופּלען אויף אירע ווענט.
עקדישן, וואָס זענען פֿריִער געווען קליין,
דערלאַנגען הײַנט ביז צום האַרץ.

ניט געבוירן אויף אויסצוהאַלטן די צײַט
מחנה־ישראל,
האַלט זי אוים שײַבלעך אין שקיעה,
שפּינוועבס אין יעדן אויג.
זי האָט דאָס שוואַרצע פּנים פֿון אַ קברות־ייִד,
פֿון אַ זקנה, וואָס מאַלט קללות אַרײַן אין דזשאָרנע*.

אין די רינשטאָקן פֿון קופּער
שפּיגלט זי אָפּ איר וועלט.

די וועלט פֿון מחנה־ישראל —
צוגעשרויפט צו אַ גריל,
וואָס לאָזט זי ניט אויסגיין.

אײַנגעהויקערט איבער אירע געסלעך און ווינשענקען,
גריבלט זי אוים בײַ נאַכט
אַ פֿאָדעם ליכט.

---

* דזשאָרנע — מילשטיין

בײַ װעלכן זי לײגט שלאָפֿן אירע קינדער,
בײַ װעלכע זי צינדט אָן גרינעם אַראַק אין יעדן כּוס.

צײַט היפֿערט איבער מחנה־ישׂראל,
לאָזט זי אַלײן מיט די דערנער,
מיטן קאַלטן דיל
אױף װעלכן פּאַסן לבנה קריכן אַרום.

ניט געבױרן אױף אױסצוהאַלטן די צײַט
מחנה־ישׂראל,
טראָגט זי אױס דעם חלום פֿון אַ משיח,
װאָס איז כּולו ברױט.
מאָרגן װעט זי אױפֿשטײן
אָן משיח, אָן ברױט.
מיט צעבױגענע בלעכן אױף דאַך.
מיט נײַע שטופּלען,
װאָס שטערן האָבן איבערגעלאָזט
אױף אירע װענט.

ב

פֿון חצרמוות, צי פֿון חאַבאַן.
און אפֿשר פֿון כּעלעם גאָר,
אפֿשר פֿון באַרדיטשעװ?

...און מ׳דאַרף װײַטער אײַנטונקען די באָרד
אין גימטריות,
אױף צו קאָנען אױסהאַלטן
די הימלען װאָס פֿאַלן אױף דיר אַראָפּ.
און מ׳דאַרף װײַטער אױפֿקלײַבן ליכט פֿון הבדלות
אין אױגן
אױף צו קאָנען דערשלעפּן די װאָך,

וואָס איז לאַנג טויזנט יאָר.
און נישט שטענדיק וואָרעמען גימטריות,
ניט שטענדיק זענען גענוג די הבדלה־ליכט.
און ניט איין מאָל,
מיינענדיק אָנצינדן מיט זונען
דעם „של־ראש״,
פאַלט מען אַראָפּ
אין די מאָנענדיקע אויגן פון קינדער,
פילט מען וויינען אין זיך
דעם נאַקעטן, קאַלטן טיש.

צוגעבונדענע צו דעם טיש.

פון חצרמוות, צי פון חאַבאַן.
און אפשר פון כעלעם גאָר,
אפשר פון באַרדיטשעוו?

ג
אַלע בכורות, אויסגעלייזט,
אַלע ווינקלען אָנגעטאָן אין קמיעות —
פאַר וואָס וואַקסן די כאַטעס אויף צוריק?
פאַר וואָס טראָגן קינדער
די זונען אַוועק אין פאַלעס?
פאַר וואָס שטייט מען נאָך אַלץ און טאַטשעט,
יאָרנלאַנג,
לבנה אָן אַ שטיין —
נאָר קיין איין שטערן
שפּריצט ניט מער אַרויס?!

ד

שבזים לידער זענען אויסגעגאַנגען.
הדסה זיצט אויף שוועלן מיט אַ גראָען צאָפּ.
די בלײַענדיקע טעפּיכער פאַרשטעלן אויסגעזעצטע שויבן.
קליין דער ווינט. ער צעוויגט נאָר די בלעכן אויפן דאַך.

שבזים לידער זענען אויסגעגאַנגען.
פּלויטן, דערנער — אַלע אונטער שטויב.
סעדיה טראָגט אַ זאַק שגעון אויף פּלייצעס.
קליינע קינדער, אַנגעטאָן אין ארבע כּנפות, לויפן נאָך.

שבזים לידער זענען אויסגעגאַנגען.
אויסגעגאַנגען — פֿײַערלעך פון ברויט אונטער טאַבון.
קלינגען גלעקלעך נאַכט צונויף פון שליאַכן.
אייזלען רעווען. און משיח איז ניטאָ.

ה

ווען קאָסע כמאַרעס פאַלן איבער דעכער,
און שטראַלן וואַשן אָפּ מחנה־ישראל —
צעבלײַען קרוינען זיך אין רינשטאָקן און שויבן,
פּאַרפולן טעפּיכער פון פורפור — גאַסן.

ווערן די קליינע קראָמען דעמאָלט העכער
מיט שילדן גאָלדענע און קלינגענדיקע טירן,
מיט קעסטלעך אויבסטן פון בראָקאַט און זילבער
און איידלשטיינער — ווי עס פּאַסט פאַר מלכות.

טוען די מאַמעס דעמאָלט אוים די קנייטשן,
און טישן ווערן יונג מיט טישטעכער און ברויטן.
אין יעדן ווינקל ציטערט רויט אַ פּרימוס
ניגונים אוים און רו — לכבוד מלכות.

און ווײַסע אײזלען שטײען אָנגעברײטע
אונטער די קאָסע כמאַרעס, צווישן שטראַלן.
און גאַסן לויפן, און עס לויפן הימלען,
און ערגעץ קומען כאַטעס זיך צונויף — משיח...

פאַר נאַכט

לידער קליינע, וואַרעמע ווי כאַטעס און ווי ברויט —
אין אײַך גייען לבנהס אויף און מאַמעס פלעכטן שווײַגן,
אין אײַך פילט מען די שאָטנס ווייכע פאַרבײַ גיין
און אָפּליינען אַ בינטל שטערן לעבן יעדן פלויט.

דורך אײַך טוען זיך סטעזשקעס אָן אין בלאָען שטויב,
ווו ס'אַזוי גוט מיט פּיאַטעס אָוונט־סוד פאַרשרײַבן,
ווו ס'אַזוי גוט אין קליינע פירעקן צעשנײַדן
דאָס שטילע ליכט, וואָס זיפּט זיך דורך דער שויב.

און מידקייטן פון ניגון און פון תפילה דאָ אין אײַך,
וואָס שווימען אויף אַ רגע און צעשווימען —
פילט מען דאָס לעבן טיף און אָנגעדראָלן רינען
צווישן די אָוונטיקע גאַסן פונעם דערפל, ווי אַ טײַך.

זיצט מען אין אים און מען נייגט דאָס אויער אײַן צו הערן
ווי קלאַנגען גיסן זיך צונויף און לידער ווערן...

מעלאָנען

אויף קליינע אייזלען ברענגט מען זונען אָן צו פירן.
מעלאָנען־גאָלד, וואָס רײַסן אָפּ די טאָרבעס.
די אייזלען גייען, טריט בײַ טריט, מיט דרעמלענדיקע מאָרדעס
און טוען גלעקל־קלאַנגען טרעל־נאָך־טרעל פאַרלירן.

שלינגט גאָס דעם טעם פון מעלאָנען. און פון שײַערס, טירן
מ'שטעלט אַרום די אייזלען, איינצל, פאַרוויַיז.
די גאַנצע וועלט איז פלוצעם פול מיט זון און באַרוועס,
און קליין איז זי, און גוט, און וואַרעם אָנצורירן.

טראָגט מען אַרום זיך שיכור מיט מעלאָנען־זון. צעגאָסן
די רינשטאָקן אין גאָלד. און בערג פון ווייַטן.
מיט קליינע זונען טוט מען צו דעם אָונט רײַטן...

...און פלוצעם אוים. די טאָרבעס — ליידיקע. פאַרלאָשן
פאַרעט אַרום אַ טרײַבער זיך לעבן זײַן אייזל,
און וואַרט, ווי פריער, ס'זאָל עמעץ קומען אים דערלייזן.

פּלױטן

א

פּלױטן נאַקעטע, פּלױטן פֿון אַ גאַנץ יאָר.
װי װעט איר קאָנען פֿאַרהאַלטן די דערפֿער
זײ זאָלן זיך ניט צעלױפֿן?
װי װעט איר קאָנען אָפּהיטן די לבֿנהס,
װאָס האָבן אין אײַך געבליט?

װי װעט איר איצטער קאָנען אױסשפּילן, װי פֿינגער,
דעם ציטער פֿון װעגענער באַלאָדענע מיט שטילקײט,
די פֿרײד פֿון סטעזשקעס, װאָס שלענגלען זיך
פֿאַזע זון?

װי װעט איר קאָנען אױסשפּינען די נעצן
פֿון אָװנטגאָלד,
אין װעלכע פֿײגל זענען אַרײַנגעפֿאַלן,
אין װעלכן שטערן האָבן אַראָפּגעציטערט זײער ליכט?

נאַקעטע, מיט אױסגעלאָשענע אָרעמס,
װי װעט איר װײַטער קאָנען זײַן הײמען
װי איר זענט אַ מאָל געװען?

ב

קלײנע, אַנטשלאָפֿענע דערפֿער בײַ נאַכט —
איך װעל אײַך איבערצײלן מיט ציטערדיקע פֿינגער,
איך װעל אױף אײַך אַרױפֿװאַרפֿן מײַן מאַנטל,
זאָל אײַך זײַן װאַרעם,
זאָל אײַך זײַן װײך אין מיטן נאַכט...

זאָל זיך אײַך חלומען, אַז די שטיינער,
אויף וועלכע ס׳רוט אײַער קאָפּ,
זענען נאָך אַלץ די שטיינער פֿון נעכטן און אייערנעכטן,
דער לייטער צום הימל — דער זעלבער לייטער,
אַז ערגעץ־ווו איז נאָך דאָ אַ ליד...

זאָל זיך אײַך חלומען,
אַז מיר טראָגן נאָך אַלץ
בלאָע קוואַלן אויף אונדזערע אַקסל
און לייגן זיי אָפּ, אַלע, צו אײַערע פֿיס.

אײַנגעוויקלטע אין מײַן מאַנטל
שלאָפֿט און חלומט,
אַז פֿלויטן — נאָך גאַנץ,
די שטערן אין אויגן — גאַנץ,
אַז לבנה בליִט נאָך, ווי פֿריִער,
אין מיטן האַרץ.

צום דאָרף

א

אויך מײַנע הענט האָבן געזינדיקט צו דיר, דאָרף,
מיט גאָרניט טאָן.
אויך מײַנע ליפּן פּײַער צוגעטראָגן צו דײַן גוף
מיט זייער שווײַגן.
אויך מײַנע פּיס, געניטע פון צו שפּרײַזן איבער תהום,
האָבן געשטרויכלט דיך, געוואָרפן דיר אין וועג
זייער פאַרבײַ גיין...

אַנטלאָפן בין איך גלײַך מיט אַלע אַנדערע, מיט האַרטער ברוסט.
איבער די פוילנדיקע דעכער דײַנע זיך דערהויבן.
צי האָב איך ניט געוווּסט דײַן ראַנגלען זיך? איך האָב געוווּסט!
און אויך דײַן אויסגיין לעבעדיקערהייט אין ים פון שטויבן.

נאָר איך האָב גאָלד אַרויסגעדאַוונט פון דײַן יעדן שטיין,
לבנהס אויסגעשפּינט מיט סודותדיקן זאַלץ פון דײַנע וווּנדן,
צו יעדן רויכנדיקן לאָמפּ איבערן טיש — גערופן „היים",
מיט בלאָע לענטעס דײַנע פאַלנדיקע ווענט פאַרבונדן —

דו זאָלסט ניט שרעקן מיך בײַ נאַכט. ניט אויפטרייסלען מײַן רו,
מײַן יומטובדיקע, מיטן טעמפּן רעש פון אינדערוואָכן,
אַדורכרײַסן מײַן נעץ פון „זוהר" מיט קאַפּיינעס, ווי-ניט-ווו,
צעברעכן מיט אַ גלאָז פון אַראַק, ברענענדיקן, מײַן ביטחון...

ב

דו דאַרפסט ניט קיינעם. דו ווילסט זײַן אַליין.
מיט דײַן צו טיפן שטויב, מיט דײַן צו האַרטן שטיין,
מיט דײַנע טעמפּע מעסערס, וואָס דו קאָוועסט אין געהיים.

פאַרשטעלן ווילסטו מיט דײַן שווײַגן, ווי אַ וואַנט,
דײַן פּנים, וואָס צו גראָ, דײַן טאָג וואָס שטאַרבט אין זאַמד,
דײַן נאַכט, וואָס שיכורט מיט אַ גלעזל אַראַק אין דער האַנט.

ווער מוז דען פון דיר וויסן, און ווער דאַרף דיך זען,
ווי דו פאַרברענסט אין אייגן פײַער, ווען־ניט־ווען,
דײַן ניט־דערגאַנצטע כאַטע?!

ג

מײַן דאָרף! איך האָב דיך קיין מאָל אמת ניט געפילט.
דײַן הויערן בײַ נאַכט צווישן שאָטנס — סאָוויש.
דײַן קנוילן זיך פאַרשעמט אַרום אַ ליכטל פון זכות־אָבות.
דײַן זידלען טרויעריק און דײַן פרייען זיך צעגרימט.

פאַרשטאַנען האָב איך קיין מאָל ניט די מעסערס אין דײַן קוק,
וואָס האָסט מיר נאָכגעשיקט ווּהין איך פלעג זיך װענדן.
גערופן „שוואַרצע שטערן" זיי, וואָס טוען בלענדן,
געשאַרט זיי מיט דיר האַנט, זיי אויסגעטרונקען פונעם ברוק —

ביז כ'האָב דערפילט זיי שטעכן... און דערזען דיך פרעמד
אַרויסוואַקסן פון דײַנע גאַסן, איבער דײַן הכנעה.
דײַן קול האָב איך דערהערט, ווי ס'טרייסלט אויף די דנאָען.
מײַן דאָרף! איך האָב דיך קיין מאָל אמת ניט געקענט...

ד

איך האָב געטרונקען פון דײַן קוואַל, געשפּיגלט זיך אין דײַנע ווענט,
נאָר בלינד בין איך געבליבן — איך האָב דיך ניט געקענט.

דורך דײַנע קליינע שויבן כ'האָב אַריינגעקוקט פאַרשעמט —
נאָר זיך אַליין געזען דאָרט. דיך האָב איך ניט געקענט.

אַ ליידיקע לבנה האָט די ראיה מיר געבלענדט,
פאַרטונקלט מיר דײַן פּנים. איך האָב דיך ניט געקענט.

ה

די גאַסן, די פאַרפּלאָנטערטע, די אויפגעבויטע אָן אַ טאָלק —
טוען מיך ווײ...
זיי האָבן ווי געטאָן אויך דאָן,
ווען כ'בין געשטאַנען מיט אַ פּוס אין הימל
און זון אַראָפּגעשאָרט אויף זיי,
די באַקן זייערע באַצירט מיט בלאָער שלייף...
הײַנט שאָר איך אַש אויף זיי אַראָפּ.
פאַרפּלאָנטערט בין איך אין דער שלייף אַליין.
און דאָרט, ווו כ'האָב געזוכט אַ מאָל אַ טאָלק —
שגעון...

ו

איך רייד צו דיר פון שטיין.
איך בין אַליין דער שטיין,
וואָס כ'האָב אין זיך געוואָרפן.
צו פיל געשטאַנען אָפן מײַנע פענצטער
צו דער וועלט. צו פיל אין מיר אַרײַן
דאָס ליכט פון פרעמדע זונען.
געברענט זיי האָבן,
מיך פאַרברענט ביז אַש.
כ'בין שוואַרץ געוואָרן
און פאַרביסן ווי אַ שטיין.

איך וואַרף אַליין אין זיך אַרײַן דעם שטיין...

די טרעפן־גאַס

א

אַ טרעפּן־גאַס שנײַדט זיך אַרײַן אין דער װעלט
מיט גרינע קאַנאַריקלעך אין די שטײַגן
פֿאַר יעדער אָפֿענער טיר.

קעץ לױפֿן דאָ אַרום מיט מענטשישע פּנימער.
קינדער פֿאַררײַסן זײערע קעפּ הױך־הױך,
צו זען דעם הימל, װאָס זיפּט זיך אַראָפּ
פֿון די דעכער, גלײַך אין מױל.

און פֿורן פֿאָרן ניט. אױף די שמאָלע טרעפּ
דרעמלט דער ניגון פֿון אַ פּאַטעפֿאָן.
אַ פּאָסטטרעגער װאַרפֿט אַרײַן, דאָ און דאָרט,
אין אַ פֿאַרזשאַװערט קעסטל אַ בריװ,
װי אַ פּאָפּוגײַ.

ב

שנײַד־אױף אַ ליקל נאָך אַ ליקל,
גײ אַראָפּ צו טױזנט־און־אײן־נאַכט,
װאָס ציטערן מיט אַ רױטער גליטשיקײט:
לאָז אױפֿבליצן דעם אוראַלטן שטײן —
אין פּנים פֿון אַ זקן, װאָס רײכערט אַ נאַרגילע.
דרינג אַרײַן אין די בלאָע ליפּן,
אין די אױסגעלאָשענע אױגן פֿון הײף
אונטערערדישע, װוּ ס׳שװיבלען אום קעץ,
װוּ װינדלען זענען װי קראַען,
װוּ מיניאַטורישע מאַמעס
פּלומפּן און פּלומפּן
שטומקײט אַרײַן אין דער װעלט.

...און שווײַג. און צערײַס די פֿאַרהאַנגען
וואָס אַ מכשף האָט דאָרטן אויסגעשפּינט.
שטרעק אויס דײַן האַנט צו די באַיאַדערעס,
וואָס טאַנצן זייער שלאַנגענטאַנץ.
וואַרג זיך אַדורך דורך זייער אָטעם,
דורך די מעסערס אין די אויגן פֿון זייערע לײַבהיטער.
שטעל צו דײַן לייטער
צו דעם הונגער, וואָס טאָטשעט אין די ווענט,
צו די פּאַפּירבלומען אין שויבן.
קיינער רעדט נישט.
אַלץ איז דאָ אײַנגעגליווערט אין שטויב.

און עלטער ווער. בייג זיך אײַן ביז צום דנאָ.
וויקל זיך אַרויס פֿון אַלע אײַנגאַנגען, דורכגאַנגען, שווינדלטרעפּ,
און שטיי אין לאַנד פֿון פּאַלאַפּעל.
צינד אָן אַ קאַרביד־לאָמפּ אויף דײַן קאָפּ.
שלינג אײַן זיך אַרײַן אַלע קוילן,
וואָס שיפּען אין דער נאַכט.
זעץ זיך אַוועק און לאָז דיר וואָראָזשען,
אַז דו ביסט אַלאַדין,
אַז עמעץ וועט קומען
און אַראָפּלאָזן אויף דיר אַ שטיין.

און אַזוי בלײַב.
מיט דײַן פֿאַרוואָראָזשעט פּנים
צו דער טרעפּן־גאַס,
מיט דײַן קליינעם, שטאַמלענדיקן
„סעזאַם, עפֿן זיך"
אויף ליפּן...

ג

קעלערס,
ווו מען רעדט לאַדינאָ,
ווו געבלימטע טישטעכער
קוקן אַרויס דורך קראַטעס;
ווו אָפּגעשייערטע נאַרגילעס
דערמאָנען אָן יום-טובים,
אָן טורבאַנען
און אָן שבתי-צבי.
קעלערס מיט הדרת-פּנים
פון סעניאָראַס,
אָנגעטאָנענע אין שוואַרץ,
פון אַנגאָרא-קעץ,
און פון קליינע, בלוט-אָרעמע מיידלעך
מיט מאַנדלאויגן —

דאָ וואָרצלט די שטילקייט
נאָך פון דאָנאַ גראַציאַ אָן,
און האָט דעם בליאַסק פון אויסגעקלאַפּט זילבער
אויף אַן עמבלעם.
מיט שמאָלע פינגער
שלעפּט מען דאָ צונויף די גאווה
פאַרן משפּחה-שקעטעלע.
מענער מיט ברוינע נאַקנס
און טאַטויִרטער ברוסט
זענען דאָ, פאַרנאַכט,
נאָך דער אַרבעט,
ווידער קליין,
און דערוועגן זיך ניט
אויפצוהייבן דאָס קול.
אָוונט זיצט מען

ארום דעם גרינעם אבאזשור,
אזוי ווי ס'זענען געזעסן
די זיידעס און די עלטער-זיידעס.
מען רעדט לאדינאָ.
מען טראָגט אויף זיך די זײַדענע נעמען
פון פרחי און אלקלעי.

ד

די קליינע זון,
וואָס גלאַנצט אַראָפּ פון די האָר
פון כרמלה, צי ביאַנקאַ, צי גראַציאַ,
איז די זון,
וואָס גייט מיר נאָך הײַנט אין אַלע גאַסן.

און די פערל
און די אויערינגלעך,
און דער דינער, גאָלדענער בראַסלעט
פון כרמלה, צי ביאַנקאַ, צי גראַציאַ —
צי זאָל איך שווײַגן,
צי זאָל איך ניט מאַכן דערפון אַ ניגון?

זינג איך דאָס ליד
פון כרמלה, צי ביאַנקאַ, צי גראַציאַ...

אויבסט־קרעמער

זיי פּילן אָן קוישן מיט באַרג,
מאַכן זיך קנופּן אין האַרץ: ניט צו פאַרגעסן.
שלעפּן, געשוואָלן פון קללות, דעם אוונט אַהיים און באַזעצן
די קינדער אַרום, מיט שטורכע און שטויס.
און ווען ס׳שפּאַרט זיך לבנה פון דעכער אַרויס,
צו באַגיסן מיט בלאָען געשפּין דאָס נאַקעטע געסל —
שטעלן זיך בלעכלעך פון חלום פאַר יעדערן אויס,
און ניטאָ וואָס צו עסן.

אייזערנע שטאָט

א

גאָרנם
אַרײַנגעשפּראָצטע אין דער וועלט,
דערמאָנען, אַז מ׳ווערט קלענער.
באַלד וועט מען אָנרירן מיטן פּנים
די ערד.

דערמאָנען, אַז מ׳האָט נאָך עפּעס וואָס געדאַרפט טאָן:
אַ טשוואָק אַרײַנקלאַפּן אין לבנה,
אַ שטיקל הימל צוקלעפּן צום אויג.

דערמאָנען, אַז ערגעץ וווּ איז נאָך געבליבן
אַ ווײַס,
ניט פֿאַרשאָטן
ליד...

ב

וווּ מיר האָבן אַ מאָל געקליבן לבנהס,
וואַקסט איצט אַ גרויסע אײַזערנע שטאָט.
טונקל קלינגט אָפּ אין איר אונדזער טראָט.

און שפּיגלען שטעלן זיך אויס אין דער פֿינצטער:
אײַזערנע שפּיגלען אין אײַזערנער שטאָט.
עמעץ, ווי מאַגנעט, ציט צו אונדזער טראָט.
עמעץ, מיט לאַנגער צונג אַ צעקרימטער.
— ווײַל חוזק איז אַלץ אין דער אײַזערנער שטאָט —

און דאָרט, וווּ מיט זילבערנער האַנט אַ צעבלימטער
שטערן אויף שויבן פֿאַרשריבן מ׳האָט —

גריזשעט אַ קלײנער, אַנאַװיגיקער קראַט
די אײַזערנע פּענטעס פֿון דער אײַזערנער שטאָט...

ג

איך און דו
אין דער אײַזערנער שטאָט.
און דער טויט, װאָס קריכט
אין דער אײַזערנער שטאָט.
און די לאַנגע קאַנאַלן
פֿון דער אײַזערנער שטאָט.
און די קראָען, װאָס פֿאַלן
אין דער אײַזערנער שטאָט.

ד

קלאַפּט מען מיט פֿויסטן אין אײַזערנע װענט.
שלאָפֿט עמעץ װער הינטער אײַזערנע װענט?
שלאָפֿט טאַקע װער הינטער אײַזערנע װענט?

זיבן מאָל קלאַפּט מען און זיבן מאָל שאַ.
און זיבן מאָל פּורעים אין יעטװעדן שאַ.
און אײַזערנע מויערן אין יעטװעדן שאַ.

רײַסט מען די װאָרצלען אַרויס פֿונעם ברוק.
אײַזערנע װאָרצלען פֿון אײַזערנעם ברוק.
צי גייט עמעץ װער איבער אײַזערנעם ברוק?

זיבן מאָל האָרכט מען און זיבן מאָל שאַ.
און זיבן מאָל פּורעים אין יעטװעדן שאַ,
און אײַזערנע מויערן אין יעטװעדן שאַ.

שטייט מען אליין אין דער אײַזערנער שטאָט.
פּנים־אל־פּנים מיט אײַזערנער שטאָט.
צי ווייַנט עמעץ ווער אין דער אײַזערנער שטאָט?

זיבן מאָל וואַרט מען און זיבן מאָל שאַ.

ה

אין די פאַרלאָשענע אײַזערנע שטעט,
קנוילט מען צונויף די שאָטנס. שפּעט.

געענדיקט געוואָרן אַלע ירידים,
און מיד. און טויט ליגט אויף אַלץ פאַרשריבן.

קלעטערט עמעץ אַרויף אויף אַ גאָרן
מיט שאָטן אויף פּלייצע. און נעלם געוואָרן.

אַ צווייטער שטשירעט אַרויס דורך אַ שויב
דאָס זילבערנע פּנים. אויך ער איז טויט.

און ראַפּטום, פאַרפּלאָנטערט אין שוואַרצע זעק,
זעט מען אַלע זיך אײַלן אין מיטן וועג.

זעט מען אַלע זיך שפּאַרן דורך קראַטעס און טירן.
אײַזן איז אַלץ — די קראַטעס און טירן.

און הענגען מע בלײַבט. פאַרלאָשן, אַלט,
מיטן פּחד, וואָס אויפן פּנים פאַלט,

מיטן פונק, וואָס גליט נאָך אין טיפן אויג,
נאָר גייט אויס פּאַמעלעך. דערנאָך איז טויט.

דערנאָך איז טויט אין די אײַזערנע שטעט
און דער זשאַווער הייבט אָן צו בליִען. שפּעט.

ירושלים

א

אַ הייסער ווינט צעקעמט די באָרד פון זיידעס
און ברענגט זיי מיט דעם פשט פון שער-הגיא:
האי! האי!
תורה וועט מען הײַנט מוזן לערנען בײַ אייניקלעך...

מעשענע ברילן אויף טיש און הענט בלאָ-געאָדערטע:
מאי-קא-משמע-לן אותיות אַנטלאָפענע פון חומש
און איצט פּאַשען זיי צווישן די גרינע ביימלעך אויף הר-טוב?!

ליולקע-ציבעך פאַרלאָשן. זון אַרויס פון איר פּוטער-פאַס.
אויף ירושלימער סטעליע שמייכלט אַ טויב.

...צוויי פּאָר תפילין, זיידעס, זענען מער ניט גענוג.

ב

...און לייבן לעבן ניט מער אין דיר, סײַדן אויף
פּרוכתן און אין ביכלעך פון קינדער.
דו ביסט האַרט און וואָכעדיק, ווי דער לאָבן ברויט,
צי ווי דער פאַרזשאַווערטער „פינדזשאַן" פון מילך.

יידענעס מיט פאַטשיילעס פּײַכטן נאָך אײַן דעם פינגער
אין דײַנע צעריסענע „צאינה-וראינהס",
נאָר ס'קלאַפּן זייערע פאַלשע ציינער אין מויל,
ווי פאַרצייטנס געלד אין די צדקה-פּושקעס.

פאַוווטינעס געוואָרן דײַנע לײַבצודעקלעך, דײַנע תפילין-זעקלעך,
און דײַנע ביז גאָר אײַנגערעמטע, געציטערטע בילדער
פון קינדער, וואָס זענען אַוועק איבער ימים...

ליכטיק דער גן־עדן פון דײַנע בים־באָם־באָמען
יום־טוב־צײַט צי שבת־צו־נאַכטס,
נאָך דער הבדלה, בײַ דעם װײַס־פֿאַרשפּרייטן טישטעך,
און בײַ דעם גרויסן, פֿאַרעדיקן סאַמאָװאַר מיט שװיים...

ג

דו לעבסט אין מיר מיט דײַנע לעגענדעס.
נאָר דײַנע כותל־מערבישע ייִדעס זענען איצט שיך־פּוצער געװאָרן,
און דײַנע באַפּאה׳טע ספרים שלאָגן אַזש אָן
ביז צום שמאָלן אַלקערל פֿון דער שמאָלבריסטיקער „צברה״־מויד...

קלעטערן מײַנע מחשבות אַרויף ביז צום העכסטן שפּיץ
פֿון דײַן ייִחוס־בוים,
און װאַרפֿן מיר פֿון דאָרט אַראָפּ אַן ארץ־ישראל עפּעלע,
װאָס איז קליין און אײַנגעקנייטשט,
און איך דאַרף אין אים געפֿינען
אַלע זיבן טעמים פֿון מײַן יש...

תמצית פֿון גראַ־געסלדיקייט, בלייך־פּנימדיקייט,
פֿון בלינדן אַרומטאַפּן אין זאָקן איבער דער װעלט —
און אַ גאַװוהדיקער, װײַסבאַארבעלטער פּאָליציאַנט
רײַט מיט דיר אַרום איבער דעכער,
און היט אָפּ דעם סליאַד
און דעם בלאַנק־ציינערדיקן שטיף
פֿון דײַנע צאן־קדושים...

ד

זענען מיר געשטאַנען
מיט אונדזערע קליינע אַרקעבוסן
און דיך אָפּגעהיט קעגן די האַרמאַטן פֿון שונא.
שטאָט, שטאָט,

מיט די גאָלדענע אויערינגלעך
און מיט קרענצלעך צעבליִטע אין אויגן —
צי געדענקסטו דעם ח ל מ י ת*,
וואָס מיר האָבן געגעסן אין קעלערס,
אָדער ליגנדיק אין אָקאָפּעס,
הינטער זעק מיט פּשוטער ארץ־ישראל־ערד ?!

און ווען מיר זענען אראָפּגעשפּרונגען, ערשטע, פונעם קאַראוואַן,
און דיר אַנטקעגן געטראָגן אַ מאַשין מיט ברויט,
נאָר דו האָסט געהאַט פאַריבל,
ווײַל מיר האָבן דיר קיין איין בלום ניט געבראַכט.
אָבלדיק ביסטו געשטאַנען
אין דײַן גאַנצן שלל פון שפּײַז —
צי געדענקסטו?

וואַקסן אונדז אַלע אַריבער.
נאָר מיר זענען נאָך אַלץ יענע,
וואָס שטייען אויף בײַ נאַכט פון זייערע קברים
בײַ די זײַטן וועג,
און לייגן אַוועק צו דײַנע פיס
— נאָך אַ מאָל —
אונדזערע טאָרבעס מיט „צדפים"* —

דו זאָלסט זיך מיט זיי שפּילן,
שטאָט...

* חלמית — קרײַטעכצער — די איינציקע שפּײַז פון יידן בעת דער באַלאַגערונג פון ירושלים אין יאָר 1948.

* „צדפים" — מושלען. באַליבטער שפּיל בײַ צברה־קינדער.

זון צווישן כוואַליעס

א

דער ווינט איז בלאָ אויפֿן ים
און בלאָע זענען די שיפֿן.
מײַן קאָפּ איז פֿון ליכט געשליפֿן
און קלינגט ווי אַ גלאָק: דין־דאָן.

און קלינגט ווי אַ גלאָק: דין־דאָן,
און איז פֿאָכע און פֿלי און פֿלאַם —
אַזוי פֿיל בלאָע שיפֿן
טאַנצן אויפֿן בלאָען ים.

אַ רויטער קאָפּ איבער כוואַליעס
אין אַ קאַרוסעל זיך דרייט.
ווער זאָגט אַז נאָר קאָפּ פֿון פֿלאַם איז
פֿאַר נאַכט, ווען דער ים פֿאַרגייט ?!

ב

אויף מײַן קליינעם שיפֿל איך רײַט,
אין מײַן האַנט אַ נעץ פֿון זײַד.
אין דער נעץ לבנה — אַ פֿישל —
וואָס איך האָב פֿון ים באַפֿרײַט.

וואָס איך האָב פֿון ים באַפֿרײַט,
און איצט גלײַט עס אין האַנט פֿאַרשײַט,
און איצט בלײַט עס ווי פֿונקען צווישן
די שאָטנס פֿון מײַן בלאָען לײַב.

מײַן בלאָער גוף איז פֿון דינעם
און ציטערדיק שאַרפֿן שטאָל,
בײַ נאַכט, ווען די פֿישלעך גרינען
אין די כוואַליעס — האַלב באַרג, האַלב טאָל...

ג

איז דאָס דער בלענד און בלי
אויפֿן ייִנגסטן פֿון אַלע ימען,
ווען כ׳צעשיק מײַנע רויטע קי
אויף זײַנע נאַכטישע לאָנען.

ווען איך שטיי, אין הענט צוויי קאַנען,
און פֿײַף זיך צו: לי-לי.
הוי, וועט די מילך באַלד פֿלאַמען
ווען צונויפֿטרײַבן כ׳וועל די קי.

גאָרנישט איז הייליק ווי
מײַנע רויטע קי אויף ימען,
וואָס איך פּאַשע אויף ווײַסע קאַמען
פֿון כוואַליעס, אין סאַמע פֿרי.

ד

שרײַב איך לידער פֿון ים, בלאָע ווערטער זיך וויגן
אויף כוואַליעס אַרויף און אַראָפּ.
קיינער ווייס ניט צי קרום צי גראָד,
בלאָע ווערטער זיך וויגן, וויגן.

און אויב מאַסטן ניטאָ, נאָר איין ראָד
קליינע פֿיש הערן איין זיך צום ניגון —
ווער ווייס צי קרום צי גראָד?
בלאָע ווערטער זיך וויגן, וויגן.

אזא נאכט מיט לבנה אין קאָפּ,
מיט שטערן באַפּיקט און באַשריבן,
וועמען אַרט נאָך, צי כוואַליעס זיך וויגן,
צי ניגון קרום צי גראָד?

ה

הייבט זיך דער ים צו מיר ווי אַ ברוסט.
כ׳האָב שטענדיק צו אים געגאַרט און געגלוסט.

צו זײַנע כוואַליעס, אין זײַנע תהומען,
כ׳וועל זיך אַראָפּלאָזן — זון איז מײַן נאָמען.

מיט זײַנע דימענטן, מיט זײַנע קרײַזן,
פון הימל צו הימל פרײַ וועל איך שפּרײַזן.

ו

פינקלט דער ים און בלענדט,
ווען כ׳צעוויג אים אויף מײַנע הענט,
ווען כ׳צעשטויב אים אויף טויזנט זונען,
ביז אָוונט צום האַרץ גענענט.

ביז אָוונט צום האַרץ גענענט
און דער ים ווערט גראָ און פרעמד,
און דער ים הילט אײַן מיט קופּער
פון זײַנע פאַרלאָשענע ווענט.

אַזוי פיל ים אין די אויגן.
פון ווען האָב איך דעם ים דערקענט?
פון ווען גליִט ער מיט טויזנט זונען
גלײַך ס׳וואָלט אָוונט צום האַרץ גענענט?

ז

פון אַלע ימען איז דער נאָענטסטער מיר דער ים פון שטערן —
בלאָע פישלעך קען מען אין דער שטילקייט שווימען הערן.

קליינע שפּרינגען זיי אַרום פון איין כוואַליע צו צווייטער,
שפּילן זיך באַהעלטעניש מיט נאַכט און ווערן נאַכט בסתר.

האָרכן זיי זיך איַין צום ניגון פון סירענעס,
דאָרטן איבער ים־גראָז, ווו לבנה שפּינט איר רמז.

קושט אַ ווינט זיי אין די פּיסקלעך אין די אָפּענע
ווי לירעס,
פלאַטערט חלום דורך — פון סאַמעט זיַין באַריר איז.

און די אַלע שטערן, אַלע פישלעך אין אין־סופן
פלעכטן איַין זיך אין אַ וויג פון גאָלד און שלאָפן.

ח

שייל איך זיך אויס פון קליפּות און קליידער —
כ׳וויל נאַקעט ווי ים זיַין, שיכור ווי ים זיַין.

פון זונען באַשטראַלט און פון זונען דערהויבן —
כ׳וויל נאַקעט ווי ים זיַין, שיכור ווי ים זיַין.

שפּיגלען און מעסערשפּיל, שפּיגלען און מעסערשפּיל —
כ׳וויל נאַקעט ווי ים זיַין, שיכור ווי ים זיַין.

צו די פלאַמפּיַיערן, צו די פלאַמפּיַיערן!
כ׳וויל נאַקעט ווי ים זיַין, שיכור ווי ים זיַין...

ט

הער איך דעם שטורעם בײַם ים.
ער צינדט אָן דאָס בלוט אין די שלייפֿן,
ער דערוועקט אין מיר קול פֿון פֿלייטן
און טאַצן און פּויק פֿון פּאַן.

טאַנץ איך אַרום אין געשפּאַן
באַגאָסן מיט זונען און קווייטן.
סאַראַ רוישיקער ים דער ים
ווען ס'זעצט דאָס בלוט אין די שלייפֿן!

גרוים אַזוי אַלץ און געראַם.
ווו זענען די פּויקן, פֿלייטן?
אונטער ים, איבער ים — דער ים,
און אַ זון געשמידטע אין קייטן.

י

קליינער פֿאָרט דערטרונקענער אין טינט,
רויטע לעמפּלעך פֿינטלען מיטן ווינט,
מידער זייגער קייטלט דאָרט און שפּינט.

שפּינט און שפּינט, נאָר ס'רוקט זיך ניט די צײַט.
קיינער ניט די שעהען בײַ אים בײַט.
פּיקט ער, פּיקט, אָן טאָלק און אָן באַטײַט.

נאָר דער ים איז דאָ, דער טונקעלער, בלויז,
וואָס געגענט צו אים און הערט אים אויס.
טויטע שטערן האַלט ער אין זײַן שויס.

און דער גרויסער ים, מיט ווינט געפּאָרט,
שלינגט די שעהען אײַן, וואָס שלאָפֿן דאָרט,
שלינגט די לעמפּלעך אײַן פֿון קליינעם פּאָרט.

יא

טרייסל איך אָפּ פון נאַכט אַלע בלעטער
און מאַך זיך אַ שיפל און פלי דאָרט און שווים.
אַ פויגל בין איך צווישן שטראַלן אין קלעטער,
אַ שיפל פון זונען — אָט ווער איך בין.

האָב איך קיין בלעטער ניט — מאַך איך אַ זעגל
פון יעטוועדער פעדער, ווו נאָר כ׳געפין.
אַ פעדער בין איך און אַ פליגל מײַן דגל,
אַ כמאַרע אַ ווײַסע — אָט ווער איך בין.

קיין בלעטער, קיין פעדער ניט — אָטעם מײַן פרײַער
פירט מיך אויף כוואַליעס אַהער און אַהין.
אַ שפּריצן פון פונקען, אַ ניגון פון פײַער,
אַ פליעסקן פון שטערן — אָט ווער איך בין.

יב

ווי די ימען פול —
כ׳וויל זאָל קאָפּ זײַן פול.
מיט לבנה פול
און מיט לידער פול.

און אין יעדן וואָרט,
אין אַ יעדן אות —
זאָל זײַן ים די מאָס,
און דער אַלבאַטראָס.

און פון וואָרט באַקליידט
און פון וואָרט באַגלייט,
כוואַליעס — קייט נאָך קייט
איבער אייביקייט...

פון דאָס נײַ

מ׳הייבט אָן פון דאָס נײַ
מ׳שטעלט צו אַ לייטער צום הימל,
מ׳שעפּט אָפּ לבנה פון אַ דאַך.

נאָך אַלץ דאָ שורות אויפצוסיליען אויף ווײַטקייטן
סטעזשקעס דערפירן צו אַ קלאַנג,
טראָפן אָנצינדן בײַ אַ יונג אויג...

מ׳קאָן נאָך אַלץ אויפמאַכן אַ וואָרט
און געפינען אַ קוואַל,
וואָס יאָרן האָבן פאַר דיר אויסבאַהאַלטן.

און מיט איין צי פון בלײַפעדער
אויסהענגען קלאָרע ווינדלען
אין הארצן.

און קינדער דאָ,
וואָס זאָלן אַרומנעמען די וועלט
אין אַ ראָד...

און שטערן, וואָס קלינגען
בלאָע
אין קעשענע...

* * *

איז דאָס מײַן סוד: אַן טריט
אַרומגײין אין גאַס און הערן,
ווי פון צווישן גראָזן און ווענט
נײַע ווערטער געבוירן ווערן.

איז דאָס מײַן הונגער: זײַן
אַ בן־בית לעבן אַלע טישן,
ווו צווישן הערינג און ברויט
בלאָע שטערן די נאַכט פאַרווישן.

און שיכרות: איבער אַ דאַך
מיט לבנה געדיכט באַשריבן
פליען און וויסן אַז
ס'איז דער זעלבער וואָס פריער געבליבן.

גליל

ר ו י ם

אַז משיח וועט קומען — וועט ער קומען פון רוים.
פונעם קליינעם, פאַרוואָרפענעם דערפל רוים,
ווו משיחים וואַקסן אויף יעדן בוים.

זײַן וועט ער פונקט ווי דאָס דערפל — שמאָל,
מיט איין פוס אויפן באַרג, מיט איין פוס אין טאָל,
און ניטאָ וועט זיי אויסגלײַכן ביידע זאָל.

ווײַל אַפילו משיח און אַפילו שוין גרייט,
און אַפילו געזאָטלט שוין אייזל שטייט —
ווי וועט ער באַווײַזן זיך לאַמערהייט? —

שטייט רוים און איז רוים אַזוי ווי פריִער.
שטייט משיח מיט בענקשאַפטן אָן אַ שיִער,
נאָר ער קאָן זיך ניט טאָן פון אָרט אַ ריר.

און אַרום איז גליל, דער נטופער טאָל,
סטעזשקעס זיך ציִען דאָרט אָן אַ צאָל,
און ניטאָ וועט משיחן דערלייזן זאָל.

*רוים — רומי — „מקום הופעת המשיח“.
לויט אַ לעגענדע איז דאָס ניט די גרויסע שטאָט רוים, נאָר אַ קליין דערפל לעבן ציפורי, אין גליל.

ס י כ י נ י ן

די ווײַסע ציגן פֿון סיכינין
האָבן אײַטערס פֿולע מיט האָניק.
און דער באַרג איז גרין און די לאָנקע גרין,
אינעם שטעטעלע סיכינין,
פֿון קדמא דנא, פֿון לאַנגאָנען.

הייבן נאָר ציגן אויף דעם קאָפּ,
שטייט אַ פֿײַגנבוים אָנגעבויגן.
האָניק טריפֿט דאָרטן טראָפּ נאָך טראָפּ
איבער מויל, איבער באָרד, איבער האַלדז, אַראָפּ
ביז ווו זיך אײַטערס הוידן.

הוידן זיך אײַטערס הער און הין
און פֿאַרשפּרייטן מילך און האָניק.
בלאָ איז די וועלט און די לאָנקע גרין,
ציגן זיך פֿאַשן אין סיכינין
מקדמא דנא, פֿון לאַנגאָנען.

די כשרע ווייבער פון תּירען

כּשרע ווײַבער פון שטעטל תּירען,
אַלע קוואַלן זיך ציִען נאָך אײַער שפּאַן.

אַלע גלילער סטעזשקעס און שטעגן
זענען פאַרשעמטע צו אײַך עולה רגל.

צי הייסט איר תּירצה, צי פאַטמע, מאַריִע —
מיט טויזנט לבנהס צו אײַך טו איך קניִען.

כ׳האָב אַ שטוב אין גליל, וואָס איז קליין און שטייניק —
וועט די שטוב פון הײַנט זײַן אײַך אונטערטעניק.

בלאָען מיט איילבירטן נאַכטיקע סקאַלעס —
צו אײַך די איילבירטן, אײַך — אַלע סקאַלעס.

שטיל קלינגען אין שטאַלן די שעפּסן דין־דאַן.
כשרע ווײַבער פון שטעטל תּירען...

ביי דער הייל פון שמעון בר־יוחאי

צו דער הייל פון שמעון בר־יוחאי
רײַבט זיך אייזל אָפּ די מידע טלאָען.

און ווי שטענדיק, אין אַ ים פון צונטער,
גלילער בערג און וואַדים גייען אונטער.

און ווי שטענדיק שלעפּט די נאַכט דערשראָקן
מידן אייזלטרײַבער מיט זיך מיט, אַ זקן.

ווײַסע זעקלעך מעל אין אייזלדיקע טאָרבעס.
גלילער בערג און וואַדים אימהדיק זיך האָרבן.

פּלוצלינג שטייט אַ הייל, אין איר אַ טויער,
פּלוצלינג קלינגט אַ מנין ייִדן אינעם אויער.

וואַרט דאָס אייזל מיט די זעקלעך מעל אין דרויסן.
זעט ווי קוסטעס זיך, אין שרעק, מיט קוסטעס שטויסן.

וואַרט ביז ס׳צאַנקען אויף פאַרשטאַרטע שטערן.
זעט ווי די לבנה טוט אַ זקן ווערן.

און ווי שטענדיק, קליין, מיט מידע טלאָען,
ווײַנט אַן אייזל ביי דער הייל פון בר־יוחאין...

באַגעגענישן אין צפת

א

משיח

צפת. דאָ וווינט משיח. כ׳גיי אַראָפּ אַ געסל
און שטיי פאַרכישופט פאַר אַ וואַנט. עק וועלט.
פון יענער זייט איז „ער״. מסתמא שוין פאַרגעסן
אַז ער דאַרף קומען. זיך מיט שטיין פאַרשטעלט.

קלאַפּ איך אין טויער: „איך בין כולי זכאי,
און צער פון טויזנט וואַסערטרעגער אין מיר ברענט״.
„וואָס ווילסטו?״ רופט אַ קול פון מעמקים.
איך הער אַ הוסטן. שטעקשיך. מען גענענט.

— „ס׳איז איך...״ מײַן אָטעם האַקט זיך אָפּ. איך שטאַמל,
און גליווער רינט אַראָפּ ווי אײַז אין מײַנע הענט.
אַ רגע נאָר, און ס׳וועט דאָס טירל זיך צעפּראַלן,
און ס׳וועט משיח זיך באַווײַזן אין זײַן גאַנצן בלענד...

...צפת. די שקיעה מיניעט זיך אין פּוסטן געסל.
אַ זקנה שטייט אין שמאָלן טירל אײַנגעקלעמט,
ווי אין אַן אַלטער ראַם: — „אַ ייִד נעבעך... וויל עסן...״
און שטרעקט מיר אויס אַ האַלב-פאַרטריקנט ברויטל: „נעמט!״...

ב

מײַן טאַטע

דאָ ביסטו קלײן און נאָענט צו זיך אַלײן.
דו עפֿנסט אױף אַ טיר און טרעפֿסט דײַן גלגול:
אַ ייִדל הויט־און־בײן. אַ קרענצל פּײַגן, באָב.
— „און אפֿשר װעט איר קויפֿן אַ קמיע פֿאַר אַ „גילדן" ?"

מײַן טאַטע דאָרט... בײַ פּאָליצעס פֿון סוד
ער שטײט און טײַטלט אױס אַ פֿינגער אױף אַ ספֿר.
— „װי ביסטו, טאַטע, דאָ אַהערגעקומען? זאָג!
און װאָס די סחורה, װאָס דו האַלטסט בסתר ?"

ער שװײַגט, מײַן טאַטע. ער איז פּלוצעם אַלט.
דאָס קלײנע בערדל, װאָס ער האַלט אין מויל — פֿאַרלאָשן.
אַ טעות כ'האָב געהאַט? צי כישופֿט דאָ גאָר אַלץ:
די שויב, די שקיעהדיקע זון, די שאָטנס?

...אַ גלעקל קלינגט אין טיר. איך הער זיך אײַן,
צוזאַמען מיט מײַן טאַטן, צו דעם קלינגען.
— „װאָס װילט איר נאָך, אַ קרענצל פּײַגן, באָב,
צי אפֿשר, טאַקע, אַ קמיע פֿאַר אַ „גילדן ?"...

ג

אַר״י

ער וואַרפֿט מיר צו זײַן האַנט. איך כאַפּ זי אויף.
(אין צפֿת קאָן מען נשמות אויך זיך לײַען).
ער קוקט מיך אָן פֿון אונטער שטרײַמל: „לויף!
נײַן, לאָמיר פֿליִען ביידע קיין ירושלים!״

איך שעפּטשע אים בסוד: „אַר״י?״ ער שאָקלט צו.
— „אַזוי, האָב איך די זכיה זײַן מיטן אַר״י גאָר!
און איך געמיינט, אַז נאָר אַ דורכגייער ביסטו,
אַן אויסגעהונגערטער נאָך צפֿת, ווי איך, און אַ ניט־היגער...

ער לאַכט. זײַן פֿלאַטערדיקע באָרד איז פֿלאַם.
די דראָבנע ציינער צווישן זײַנע ליפּן בלענדן.
— „אַזוי, איז דער אַר״י הקדוש נאָך פֿאַראַן,
און ס׳בליט דער „פּרדס״ ווי אַ מאָל איבער געוועלבן?!״

מיר לויפֿן ווײַטער. באַרג־אַרויף, פֿאַרויס.
מיר האָבן מורא די גאולה ניט פֿאַרזאַמען.
די „פֿעסטונג״. ביז צום הימל. שקיעה — אויס.
— „צי איז ירושלים, זאָג, נאָך ווײַט פֿון דאַנען?״

ד

ר׳ יוסף קאָרו

שטיינער גלאַטיקע פון טריט. אויף זיי געגאַנגען
דער הייליקער אַלשייך אין קיטל און אין פעס.
אויף זיי געצימבלט האָט זײַן „לכה דודי לקראת כלה״ — אַלקביץ,
און דער אַר״י געפירט האָט מיט דער סיטרא־אחרא זײַן געראַנגל.

איצט גיי דאָ איך, אַן אייניקל פון בעש״ט. אַ טוץ געזאַנגען
זיך פלאָנטערן אין מוח מיר, פון אָנהייב און פון קץ.
די צפתער גאַסן האָבן אַלע אַ קאָליר פון בעז,
און ס׳שטייט דאָס ווײַסע אייזעלע פון לאַנג שוין אײַנגעשפּאַנט דאָ...

און אָט די קלויז פון יוסף קאָרו. טונקעלע אויגן
קוקן מיך אָן פון הינטער שטוים מיט ספרים. ווײַסע פּען.
— „צי האָב איך אײַך ניט, רבי שוין, שוין אַ מאָל געזען?״

ער בויגט צוריק זיך אין די שאָטנס, טוט זיך סודען
מיט בלייכע פּנימער, וואָס זיצן אין אַ קרײַז,
און שטרעקט מיר אוים אַ האַנט: ״ געבראַכט אַ נײַעם חיבור? ווײַז!״

ה

די קלויז

דאָ קענען אַלע מיך. די געסלעך און די טרעפּ;
די ייִדן מיט די טלית-זעקלעך בלאָע אונטער אָרעם.
זיי שושקען זיך אין קרײַזלעך, טײַטלען אויף מיר: „זעט!
ס׳איז דאָך רב איטשעס. אויסגעוואָקסן און ער שרײַבט גאָר ספרים...״

איך שעם זיך, וואָס איך בין איצט גרויס און האָב
אין שאָטן פון דער צפתער קלויז פאַרגעסן אַלע נעמען.
וואָלט איך אַ טלית-זעקל כאָטש געהאַט. אַ שאָד!...
...און ווי האָבן מיך אַלע דאָס געטאָן דערקענען!

די קלויז איז קליין, מיט אָפּגעשיילטע ווענט,
מיט אַ פאַרווישטן מגן-דוד אונטער היכל.
— „צי איז דאָס לעמפּל נאָך פאַראַן, וואָס האָט בײַ נאַכט געברענט
און אויסטערלישע חיות אין מײַן מוח אײַנגעצייכנט?״

אַ ייִדל רײַסט זיך אָפּ פון טיר. ער שפּאַנט
אַנטקעגן מיר מיט דראָבנע טריט. מײַן רבי! פלאַים!
ער שטרעקט מיר אויס אַ פּײַכטע, שעמעוודיקע האַנט:
— „צום ערשטן מאָל אין צפת? ...איר שטייט שוין כמה שעהן!...״

ו

די מאַמע

צו מאַמע מײַנער פירט אַ געסל באַרג־אַראָפּ.
זי זיצט אַ קליינע פאַר דער טיר, מיט טיפן שײַטל.
דאָס ווײַסע טיכל אויף איר האַלדז, דאָס זעלבע וואָס פאַר צײַטן,
און אויך דאָס זעלבע קוישל איר צופוסנס, פול מיט סוד...

זי שטרעקט מיר אויס אַ בלאָע אָדערדיקע האַנט: „קום, זיץ.
איך האָב פון תמיד אָן געוווּסט, אַז דו וועסט קומען".
דאָס זעלבע קול. דער מאַמעס. כ'האָב אַליין פאַרנומען:
אין צפתער אויסגעקערטן געסל, שטיל — „קום, זיץ"...

איך טו צו איר געגנענען. ס'איז די שטוב איצט גרוים:
מיט שקיעה אין די אויסגעקרימטע פענצטער, מיט וועראַנדע.
דער טשערעפּענער דאַך איז אָפּגעבראָכן בײַ די ראַנדן,
און פון די שוואַרצע טרעפּלעך קוקט די איינזאַמקייט אַרויס.

ניין! ס'איז ניט זי... אַ טעות. ט'מיך פאַרבלענדט די שײַן.
אַ זקנה שטעלט זיך אויף פון שטול, מיט טיפן שײַטל.
זי טוט מיט ציטערדיקן פינגער צו מיר טײַטן:
— „איר זוכט אַוווּ צו שלאָפן? קומט אַרײַן..."

ב י ת - ש ע ר י ם

א

צ ײַ ט

צווישן די פֿעלדן
פֿון בית-שערים
שלאָפֿן די פֿלעדערמײַז.
טראָפּן נאָך טראָפּן
פֿון אָפֿענע קברים
קרישלט אַראָפּ זיך
די צײַט.

ב

ד ע ר ק ר י ג ע ר

שטומער,
פּירקאַנטיקער קריגער
פֿון תדמור —
דײַן פּיקע ליגט אַלץ נאָך
געוווּיגן אין האַנט,
דורכצובראָכן די מויערן
ווי דעמאָלט,
ווען ס'האָבן געפּאַקלט די נעכט
אונטער רוף פֿון בר-כוכבא.
אַ רוימיש געקליידטער ביז גאָר,
שטײַפֿסטו אַלץ נאָך דעם נאַקן
און — לאַכסט
פֿון דעם רוימישן פּוסטן פּאַרמעסט
דיך צו פֿענטן
אין שטיין...

ג

דער רופא

שטיינערנע שיף —
אין דיר וואַרפן דורות דעם אַנקער.
פון דיר טראָגן זילבערנע כוואַליעס
די אויגן אַוועק
צו ווײַטע און בלאָע תרשישן.
נאָך קרײַזלט אַ קופּערנע זון
זיך אין באָרד פון פעניקישן רופא.
פּישעלעך גאָלדענע
פליעסקען,
רופן דעם רופא
צוריק.

ד

נאַרציסן

נאַרציסן
גייען אַראָפּ דײַנע טרעפּ —
זייער קאָפּ אין לבנה.
דאָ דוכנט די טונקלקייט טיף
אונטער טלית פון שטיין.
אַ שטראַל טוט צעפּראַלן
די שטילקייט,
וואָס שלאָפט אינעם אָרון הקודש;
אַ קענדל פון אייל בייגט זיך אָן,
ציטערט שופר אויף וואַנט.
פאַרבאַלזאַמטע נעמען
פון אושא און בבל און תדמור
רופן זיך אָפּ.

ה

יוסטוס

יוסטוס, דער זון פון לעאָנטעס —
ניטאָ קיין אומשטאַרבלעכקייט, ברודער,
סײַדן אין סאַמעט פון קברים,
ווו כ׳בלעטער, מיט קנויטל פון חלב —
אַ גילגול פון דיר, וואָס האָט פּאַרכטיק
געריסן די פּרוכטן פון זונען —
און... גאָרניט אויך מיר ניט געבליבן,
חוץ דײַן קאַלטער,
שטיינערנער האַנט...

אלונים

פאַר יהודית און צבי

א

ווײַסע שטיבער בײַ נאַכט —
שטערן וואָס מיר האָבן יאָרן לאַנג אויסגעחלומט,
און איצט זענען זיי געוואָרן וואָר.

נאַכט — ניט קיין נאַכט,
נאָר אַ קליין תהילימל
מיט טונקעלע טאָוולען,
אין וועלכע מ׳איז היימיש
ביז צום שטילסטן אות.

פשוטע מיטן־דער־וואָכן
באַלויכטענע דורך אַ בוים,
דורך אַ קוסט,
דורך אַ שטיין.

ב

טריט פון מיטן־דער־וואָכן.
אָנגעהויבענע חצות,
געענדיקטע לעבן אַ מיד לעמפּל,
וואָס שלאָפט אײַן שטייענדיקערהייט
אויף ראַנד טיש.

בלאָע סטעזשקעס בינדן צונויף
איין מעת־לעת מיטן צווייטן,
און לייגן זיי אוועק,
פולע ווי סנאָפּעס,
פאַר דער טיר.

דער גרויסער קרײַז:
פֿון שטערן,
זונען,
און ווידער שטערן.

פּשוטע ווערטער,
וואָס מ׳קען זיי פֿון אויסנווייניק,
נאָר זיי זענען שטענדיק
נײַ.

ג

לאָז אונדז קניען צו גראָז,
לאָז אונדז זײַן געצנדינער צו אַ בוים, צו אַ שטיין.
וואָס נאָך גרעסערס וועלן מיר קאָנען אויסטראַכטן,
ווי אַ וואָרצל וואָס בינדט צונויף די ערד,
ווי אַ טראָפּן טוי,
וואָס נעמט אין זיך אַרײַן
די זון?

ד

דעמבעס רינגלען אַרום שטיבער,
שטיבער וואַקסן אַרײַן אין דעמבעס.
ניט אייביקייטן, נאָר וואָרצלען
וואָס זויגן פֿון דער זעלבער ערד,
וואָס קושן זיך מיט דער זעלבער זון.
בלעטער פֿון דעמבעס,
דעכער פֿון שטיבער,
דערציילן זיך מעשׂיות
וואָס דער ווינט האָט פֿאַר זיי אויסגעטראַכט.
נידעריקע שײַבלעך,
פֿאַרכטיקע האָזן
הערן זיך צו.

ה

סטעזשקעס שמאָלע,
צוגעשניטענע לויט אונדזער מאָס.
זיי פירן אונדז אַרום פון דלד־אמות.
זיי שפּרייטן פאַר אונדז אויס זונען בײַ טאָג,
שטערן בײַ נאַכט.
קליינע לידער לאָדן זיי אויף זיך אָן
און טראָגן זיי אַוועק צו אונדזערע פרײַנד.
זיי גרענעצן מיטן האָריזאָנט.
זיי זענען די פעדעם וואָס פרויען פלעכטן
אין עסזאַל, יעדן אָוונט,
פון אַ גרויסן קנויל.
קיין מאָל ענדיקט זיך ניט דער קנויל.
קיין מאָל גייען ניט אויס די סטעזשקעס
פאַר אונדזער שוועל.

ו

שטילקייטן ריידן זיך צונויף.
טישן רינגלען אַרום מיט חכמה.
מיר ווייסן וואָס ס'וועט זײַן מאָרגן
און איבער הונדערט יאָר.
די זעלבע שאָטנס —
אויך געווען נעכטן און אייערנעכטן.
קנייטשן ווערן ניט טיפער,
ווען מען קוקט זיי אָן יעדן טאָג.
גרויסע, דורך טירן, קומען אַרײַן
געסט פון דער גאַנצער וועלט.
דער זעלבער ניגון,
וואָס פאַרבײַט אַלע מיטן־דער־וואָכן
אויף אַ בלאָ ליכט.

כורזים

מיר יומטובען היַינט אַ נײַ דאָרף.
פון שטיין און שטערן האָבן מיר אויסגעדלובעט אַלטע ווערטער
און זיי ווידער אַוועקגעשטעלט אויבן אָן.
היים, און תמצית פון היים זענען ווידער געוואָרן נאָענט
און אָנצורירן מיט דער האַנט.
אַלץ וואָס איז פאַרשעמט געווען,
וואָס איז געלעגן אונטער שטויב,
האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו בליִען:
ביימער האָבן צוריק געקראָגן זייער נאָמען,
גראָז איז ווידער איינס געוואָרן מיט גרין.
אײַנגעוויגטע פון זייערע אַמאָליקע פוסטריט
זענען מענטשן צוריק געקומען צו זייער הויט,
זענען ווידער אַרײַנגעגאַנגען אין זייערע קנייטשן.
קאַרקעס, וואָס שפּאַרן אונטער דעכער,
דעכער וואָס האַלטן אויס דעם הימל.
אויגן גלאַנצן קיין מאָל ניט אַזוי
ווי דעמאָלט ווען מ'האָט זיי אין וואָס אָפּצושפּיגלען —
און היַינט זענען דאָ אייגענע ווײַסע ווענט.
אויסגעגלײַכטע שפּאַנט מען ווידער אַרײַן אין טעג,
וואָס זענען אָנגעפּיקעוועט מיט לידער,
וואָס בייגן זיך אונטער דער לאַסט פון זון.
דאָ זענען ווידער ערשטע בלאָקייטן,
ערשטע שטילקייטן,
ערשט-געבוירענע פייגל טרעלן אַרוים
פון יעדן וואָרט.
מיר יומטובען אַ דאָרף,
וואָס טרינקט יעדן טאָג ליבשאַפט פון אונדזערע זשמעניעס.
און אונדזערע זשמעניעס זענען קוואַלן
ווי זיי זענען אַ מאָל געווען.

*

מיר רופן עס פּורזים.
אַזוי וועט עס הײַנט קלינגען אין אונדזער בלוט.
אַזוי וועלן מיר עס הײַנט אײַנקריצן אין אַלע שטיבער.
אַזוי וועלן עס צעטראָגן אין וועלט
פייגל, פלאַטערס.
יעדער שטערן, וואָס וועט הײַנט אויפקומען בײַ נאַכט,
וועט זײַן דער שטערן פון פּורזים.

*

די שטיינער פון באַזאַלט זענען ווייכער געוואָרן.
דוכט זיך באַלד וועלן זיי אָנהייבן שפּאַנען
און זיך אויסלייגן צו די פיס.
דוכט זיך באַלד וועלן זיי זײַן שוואַרצע לעמער
מיט גלעקער אויפן האַלדז.
דוכט זיך באַלד וועט מען קענען אײַננורען דעם קאָפּ
אין זייער פעל
און פילן: מילך צײַטיקט זיך,
ווידער,
איבער דער גאָרער וועלט.

אָדע צו דער ערד

א. סוצקעווער

האָסט מיר געגעבן, ערד, מײַן שפּל ליד.
אין דיר האָב איך געטראָפֿן דעם זאָמען פֿון לבֿנה,
די וואָס טריפֿט אַראָפּ יעדע נאַכט אויף מײַן פּאַפּיר,
די וואָס לייגט זיך מיט מיר שלאָפֿן אין מײַן שמאָלן בעט...

האָסט זיך צו מיר אַנטפּלעקט אין תהומען גראָז:
דורך די דינע העלדזער פֿון בלומען שפּאַרסטו צו מיר אַנטקעגן
מיט פֿילפֿאַרביקן קוש, מיט ציטער פֿון בלעטער.

אין דײַן יעדן קײַלעך טוי,
וואָס דו האָסט פֿאַר מיר אויפֿגעמאַכט,
ווײַן איך —
אַרומגערינגלט מיט קרישטאָלענע ווענט.

אײַנגעוואָרצלט אין דײַן מאָך,
פֿיל איך דײַנע גליווערעם אַרומפּויזן אין מיר,
באַלײַכטן אַלע פֿאַרבאָרגענע שפּעלטעלעך פֿון מײַן מוח...

איך ווייס ניט,
צי האָב איך גענוג אײַנגעזאַפּט אין זיך די וואָרצלען פֿון שטילשווײַגן
איך זאָל דיך קענען טועם זײַן ביז דײַן קרוין.
נאָר בגילופֿין בין איך פֿון דײַן גרינעם ווײַן,
וואָס דו האָסט אין מײַן יעדן אות אַרײַנגעגאָסן.

זײַ אין מיר דער רעגן־בויגן —
איך גלאַנץ צו דיר אַנטקעגן
מיט אַלע טראָפּנס פֿון מײַן קוואַל!

זײַ אין מיר דער קוואַל —
איך רוף דיך
מיט אַלע מײַלער פֿון מײַן דאָרשטיקייט!

זײַ אין מיר די דאָרשטיקייט —
מיט אַלע אָדערן
טו איך צו דיר קניִען:
ע ר ד...

בינען

אַרומזשוזשען כ׳וועל מײַנע לידער מיט בינען.
דורך זיי וועל איך גיכער דערפילן דעם ריטעם,
וואָס בליט און וואָס בלויט אינעם דופק פון צוויטן...

דורך זיי וועל איך נענטער באַהעפטן דעם אָטעם,
וואָס קאָכט און וואָס פיבערט אויף בערג און אויף פליינען,
אין זילבער פון שליאַך און אין האָניק פון היימען...

מיט זיי כ׳וועל אַרומפליִען שטום און נשתומם
און שטילן מײַן בענקשאַפט אויף בוזעם פון בלומען —
דער סוד פון אַ היים און די זיסקייט פון זונען...

מיט שיכרות פון פרייד, וואָס דאָס ליד כ׳האָב געפונען,
וועל איך אויפוויקלען ערד און מיט ליכט זי באַגרינען —
מײַן האַרץ איז צעפּראַלט — זאָלן קומען די בינען...

*

ווייס איך דעם סוד פון צעזשוזשעטע בינען:
די טראָפּנס זיי זענען פון זון אין באַגינען.

פיל איך דעם ציטער וואָס גליִט אויף די פליגל:
דאָס ליכט איז פון זון, פולע עמערלעך ניגון.

און דער עיגול פון וועלט, ווי אַ פּורפּורנער ברונעם,
צעעפנט די אָרעמס: זיי קומען! זיי קומען!...

*

בינען פאַראיַיזטע אין שפּיגל פון מילכוועג,
דערוואַרעמען כ'וועל איַיך מיט אָטעם פון היימען.
ווען איר ווידער זיַין שטערן אין וויַיטקייט פון רוימען...

אַזוי קליין און לבנהדיק-וויַיס אונדזער ווינען —
מיט בלעכערנער שטאַל און צעפינקלטע בלעטער,
ווו יאַשטשורקעס בלאָזן זיך קושן בסתר...

מיַין היים איז פון נייַע געהובלטע ברעטער,
מיט פאַזוכעס שלאָף אויסגעשפּרייטע פּאַר שוועלן
און „סאַברעס" פאַרפּאַנצערטע גרין מיט קאַרעלן.

און אין מיטן דעם הויף שטייט מיַין ברונעם פון כעלעם,
מיט עמער און שטריק, מיט אַ טיף-אַלטן פּנים,
ווו מיַין ליד טרערט אַראָפּ שטילע קריַיזן לבנה...

*

וועל איך דער היים מיַינער אָנטאָן אַ נאָמען,
וואָס זיַין זאָל דער תמצית פון זון און פון זוהר,
פון ניגון פון ווענט און פון נאַכטשטילקייט בלאָער.

זאָל ער מיט ווינטל פאַרוויגן מיַין אויער,
ווען בוקן צום טוי כ'וועל זיך, קלייבן רובינען,
און אַ ליד וועלן זשוזשען אַנטקעגן — די בינען...

*

וועל איך מײַן בענקשאַפט נאָך וואַרעמקייט שטילן
אין פײַכטקייט פון בלומען, אין גלעקעלעד ראָסע,
וואָס זון האָט פון פורפור אויף וועלט אויסגעגאָסן.
און בליִונג וועט זײַן אומעטום, וועלן שפּראָצן
די לידער אויף בויגן פּאַפּיר, ביז פּאַרכליניען
איך וועל זיך מיט אותיות פון גאָלד, מיט זון־אותיות — בינען...

צו אַ פרײַנד

א

פון אַלץ וואָס דו וועסט מיטנעמען מיט זיך אין וועג,
זאָל נענטער זײַן דיר דאָס געזאַנג פון כאַטעס —
עס וועט דיך אָפּפירן מיט יעדן וואָרט אַהיים.

צו אַלע שטערן וואָס דו וועסט דערגיין,
שטעל צו דעם בלאָען שטערן פון דײַן שײַבל.
וועסטו דערפילן ערשט ווי גרויס זײַן וואָג.

און טויזנט פרעמדע הימלען טו באַשרײַבן
מיט דײַן פאַרשעמטן, שפּלדיקן טאָג —
ער וועט דער אייגנסטער פון אַלע טעג דיר בלײַבן.

ב

וואָס וועסטו צו זיי ברענגען — נאָך אָרעם, קליין:
אַ כאַטע אין זאַמד, אַ לבנה אויף שטיין,
אַ שטערן וואָס שרייבט אוים אויף דערנער — היים.

וואָס וועסט צו זיי זאָגן — נאָך שטום, פאַרשעמט:
מידקייט וואָס וואַקסט פון צעאַקערטע הענט.
גראָקייט וואָס קלעטערט אויף האָר און העמד.

נאָר דאָס וואָס וועסט שווײַגן איז יונג און גרויס:
בלום וואָס בליט פון דאָרן אַרויס.
זאַמד וואָס ווערט שטערן און טויען בלויז.

ג

די הויכע גאָרנס וועלן שיכור דיך ניט מאַכן.
וועסט זיי אַרײַנגעמען אין אויגן, מאַכן קליין.
שפּעטער וועלן זיי מיט בלאָען ווינט צעגיין.

די טויזנט רעדער אין געלאַף פֿון גאַסן
וועלן ניט גובר זײַן דיך. וועסט זיי לאָזן שטיין.
שפּעטער וועלן זיי מיט בלאָען ווינט צעגיין.

און אַלע שטערן, אַלע קרוינען,
וואָס וועלן מאַניען דיך — וועסט זיי פֿאַרשטיין.
שפּעטער וועלן זיי מיט בלאָען ווינט צעגיין.

שאַבריִע

א

האָט לבנה זיך צעבראָכן אָן די סקאַלעס.
מײַנע פינגער כ'האָב צעבלוטיקט אין לבנה.
ווייס־אַנטבלויזט געשטאַנען זענען כאַטעס,
מיט מײַן ברוסט איך האָב זיי ניט געקאָנט פאַרשטעלן,
ניט באַהאַלטן זיי געקאָנט אונטער מײַן שאָטן.

רויט־געאָדערטע געקראָכן זענען סטעזשקעס.
ניט קיין קוסטעס — אויגן דאָרט געלויערט.
צוגעצויגן שוואַרצע מיך ווי מאַגנעט,
אויסגעטאָן מיך נאַקעט ווי אַ שפּיגל,
דורכגעשפּיזט מיר דורך און דורך מײַן טראַכטן.

ווער גייט נאָך מיט אויסגעמעקטן פּנים?
ווער האָט שטיין אין מוח מיר געוואָרפן?
ווער מיט רויטן מאָך געבלענדט מיך?

איבער סקאַלעס גליווערדיק־פאַרשפּיצטע,
ניט לבנה שײַנט, נאָר אַ שאַבריִע,
ניט מיט גראָז — מיט דערנער זי באַוואָקסן,
אונטער איר — דער טליִענדיקער נאַכטוועג,
אונטער איר — אַ שוואַרצער שניט — די גרענעץ.

ב

מיר טרינקען ניט מער אוים שאָטנס
ווי אַ מאָל,
ווען לבנה איז געווען פול,
און מיר האָבן גרינע לידער געטראָגן אין טײַסטערס.
צו פיל שטערן האָבן זיך אָפּגעריסן
פון זייער קייט

און די נאַכט איז מיט אַ מאָל
גרויס געוואָרן.
אין ליכט פון שאַבריַע
טרינקט מען אויס דאָס אייגענע בלוט,
אויף צו קאָנען באַהאַלטן אין זיך
דעם זיכרון פון כאַטעס.

ג

דער מולד מאַניעט צונויף שטערן איבער אַלמגור.
ער שעפּט אָפּ די שטערן.
ער איז די שאַבריַע,
וואָס פאַרבט אָפּ אַלע סקאַלעס רויט.
אין זײַן ליכט
לויפן אַלע כוואַליעס פון ירדן
צוריק אין זייער באַהעלטעניש,
און כאַטעס שטייען דיבאָם מיט זייערע דעכער.
נאַקעט די אויגן, נאַקעט די פּנימער
אויפגעהויבענע צו זײַן ליכט.
פון זײַן קעלט
שפּרייטן זיך דינע פינגער
אויס איבער כנרת
און טרייסלען זי אויף ביזן דנאָ.
געשטופלטע וואַסערן פון כינרת
שפּיגלען אָפּ מחשבות פון טויט.
ס'איז די דריטע אשמורה
ווען אַלע וויגעלעך טוליען זיך צו די ווענט,
און דער ברונעם פון מרימען
פאַנצערט זיך אײַן אין חלשות.
הויכע קעמלען פון באַזאַלט
לויפן אַדורך,
נאָר אַלץ נײַע פאַרפולן דעם האָריזאָנט...

ד

קעמלען פון באַזאַלט —
ווען איר רײַט אַן בײַ נאַכט,
און דער מולד אויף אײַערע הויקערס —

ווען איר רײַט אַן בײַ נאַכט
און שטעלט אַוועק אײַער שאָטן
אין אונדזער שויב —

אײַנגערעמטע אין שווײַגן
זיצן מיר אַרום דעם ברויט,
וואָס איז קליין,
און מיר הערן אין אים קלאַפּן אונדזער האַרץ.

ניט מער קיין וויגעלע דער מולד,
נאָר שפּיצן פון אַ רויטער שאַבריע
געשאַרפטע צו אונדזער בלוט...

דאָס זענט איר קעמלען,
אַנגעריטענע פון די הרי־חושך.

דאָס זענט איר, קעמלען,
פאַר וועלכע ס'אַנטלויפן
די שטערן פון אונדזערע הענט...

ה
אין אַלמגור, ביי די דראָטן,
האָט מען אים אויפגעהויבן.

אין אַלמגור, בײַ די דראָטן,
אין וועלכע ס'האָט געציטערט די נאַכט.

קיין איין שטיין,
וואָס ער האָט באַגאָסן מיט זײַן בלוט,
איז ניט זוייך געוואָרן.

לבנה איז ניט געקומען
שטיין אים צוקאָפּנס.

דער ברונעם פון מרימען
האָט אים ניט אָפּגעוואַשן
מיט איר טרער.

ו
מיר קומען זיך נעענטער צונויף.
מיר שטייען בײַם ברונעם פון מרימען.
אַלע דראָטן האָבן מיר אויף זיך אָנגעטאָן ווי אַ יעזש
און פרירן אַזוי אַרײַן אין דער שטילקייט.
בלאָע דעכער פון היים וויגן אײַן אונדזער אויג.
אַזוי קליין דער ירדן,
וואָס האָט אונדז געוואָלט אײַנשלינגען.
אַזוי נידעריק דער באַרג,
וואָס שלאָפט איצט
אויף אונדזערע הענט.

ז

גאסן פון אַלמגור —
לאָזט אונדז ווידער גיין זיך אָנטרינקען
אין די הימלען פון כינרת.
לאָזט אונדז ווידער פונאַנדער אַקערן די כוואַליעס
און אַרויסהייבן דעם ברונעם פון מרימען.

ניט דאָס בלוט, וואָס איז אין אים
אַרײַנגערונען בײַנאַכט —
נאָר די שטראַלן פון אויפגייענדיקן טאָג.
ניט די סקאַלעס פון באַזאַלט —
אונדזער פנים,
וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זײַן טרער...

כינרת

א

טבריה

טבריה האָט עס געזען.

די אַרומיקע בערג זענען אַראָפּגעפֿאַלן אין כינרת
ווי אַ שוואַרצער קרײַז.
כוואַליעס האָבן פֿון זיך
אַרויסגעשפּריצט שרײַענדיקע פֿייגל.
די קליינע שיפֿלעך
זענען אַרומגעפֿלויגן קאָפּ־אַראָפּ.
זייערע ווײַסע זעגלען
האָבן זיך געבראָכן ווי פֿינגער.
אונטן, אויפֿן דנאָ,
איז ער געלעגן
און זײַן פּנים האָט אַרויפֿגעגלעצט
ווי אַ גרין אויג.
זײַנע לאַנגע האָר זענען געווען פֿיש.
שטום האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לבנה אין וואַסער.

ב

גרינע פישער

כינרת ביַי נאַכט.
לבנה אין איר וואָראָזשעט די האַנט פון אַ טויטן.
גרינע פישער שפּרייטן אוים די נעצן
און כאַפּן זיך אַליין.
בלאַנקנדיקע ליכטלעך פון עין־גב און פון טבריה
ראַנגלען זיך מיטן אונטערגאַנג.
וועמען זוכט איר,
אַז איַיערע קעפּ דרעמלען איבער די וואַסערן?
וועמען זוכט איר,
אַז לבנה האָט אים צעלעכערט ווי אַ זיפּ?

ג

מאַמע

אין דער גלעזערנער שטילקייט —
זע דער מאַמעס ווײַסע הענט אויפֿן ברעג,
איר נאַסע פֿאַטשיילע אין ווינט:
זע די כוואַליעס, וואָס קלאַפּן זיך אָן שטיין
און צעקרישלען זיך
אין אויפֿגייענדיקן טאָג.
אויף דײַן גוף וועלן ארומאַקערן
רויטע ווערעם.
דו וועסט אַוועק אין דײַן רו אַרײַן
מיט דער מאַמעס אָפּגעבלעטערטע הענט,
מיט איר פֿאַטשיילע אין ווינט...

ד

ער

אין ברעזענט האָט מען אים אײַנגעוויקלט.
כינרת האָט ניט מער קיין בראָקאַטענעם קאַפּטן.
אירע כוואַליעס גליווערן שאַרסטקע ווי שטיין.
אירע כוואַליעס שטייען שאַרפּע ווי מעסערס.
ער איז צוריקגעקומען
און זײַן קאָפּ איז געווען גראָז.
ער איז צוריקגעקומען
און פֿיש האָבן געשוויבלט אין זײַנע האָר.

ה

לוויה

האָט מען געטראָגן אים שטום צו דעם עס־זאָל.
נאָכגעגאַנגען אים שאָטנס פון הײַזער,
נאָכגעגאַנגען אים בלאָ די לבנה.

לאַנג איז געווען דער וועג, ווי דורך חלום,
שטיינער האָבן געפּענטעט די הערצער,
טונקל געטריפט האָט נאָר טראָט אין דער שטילקייט.

האָט מען געטראָגן אים שטום צו דעם עס־זאָל,
געהויבן אים שווער צווישן אָפענע טירן,
פאַרעקשנט געשפּאַרט אים דורך שפּיגל פון שויבן.

און לאָמפּ האָט געקניט אויף דער ערד פונעם עס־זאָל,
טישן געשטאַנען אַרום ווי אַ מנין,
און קליין מיט אַ מאָל איז ער דאָרטן געלעגן.

ו

וועסט ווידער זײַן

וועסט ווידער זײַן.
זיכרון פֿון כוואַליעס איז טיף.
אין יעדער לבנה
וועסטו זיך אַרײַנזעצן
און מיטפֿאָרן.
נאָך דאָ אַזויפֿיל פֿישלעך
זילבערנע אויפֿן דנאָ.
דײַן נעץ
וועט ווידער נאָכשווימען
ווי אַ גרינער וואַלד.
מאַכיק וועסטו קוואַלן אַהיים
פֿון דײַן מיטן נאַכט.
קליין-קליין
וועלן פֿליעסקן
אַרום דיר די שטערן.

* * *

נאָך איז אַלץ דאָ.
נאָך האָט זשאַוועד ניט צעפּרעסן די לבנה.
נאָך קאָן מען אָננעמען דערפלעך אונטערן אָרעם
און מיט זיי אַרומשפּאַנען איבער בערג.
די שטיבער חצות האָבן נאָך אַלץ
די זעלבע בלאָע פאַרב,
ווי ס'האָט זיי אויסגעמאָלן דאָס ערשטע ליד.
שיכור קאָן מען זיך נאָך אַלץ
אויסשטרעקן אויף סקאַלעס
און פילן
אַז אַלע זענען צוגעשניטן לויט דײַן מאָס.
פאַראַנגלט אין טויזנט הימלען,
איינער איבערן אַנדערן,
נאָך אַלץ שטערן,
קרײַזן פון שטערן,
וויגן פון שטערן.
נאַקעט — און וויסן,
אַז די גאַנצע וועלט שפּיגלט זיך אין דיר אָפּ.
נאָך איז אַלץ דאָ.

נ ג ב

סענדערל קומט צו די רויטע יידעלעך

י. גלאַטשטיינען

א

די פּאַפּירענע בריקן
האָבן מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו בליִען מיט אותיות.
ס׳זענען אונדזערע מעשיות, סענדער,
וואָס האָבן דערפירט אונדז ביז אַהער.

ס׳זענען אונדזערע לאַמטערנס
אָנגעצונדענע אין די חדר־יאָרן,
טיף פאַרבאָרגענע אין די אויגן,
וואָס לויפן פאָרויס דעם וועג.

פונקט ווי דער רבי האָט אויסגעטייַטשט:
באַרג־אַראָפּ צו די פּיפּערנאָטערס,
איבער פאַרגליווערטע וואַסערן,
צו שטערן אויף זייער דנאָ.

סענדער, צו די רויטע ייִדעלעך
פירן די בריקן, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט.
אונדזערע פּאַפּירענע בריקן
בליִען בייַ יעדן וואָרט.

ב

לאָמיר אויסטאָן די שיך, סענדער,
זאָל די הייליקייט אַרייַנדרינגען אין אונדזער הארץ,
וואָס איז פון רוב דרכים וואַכעדיק געוואָרן.

לאָמיר זיך בייגן
צו די שלענג און עקדישן, וואָס פּויזן איבער דער ערד:
דאָס זענען זיי אונדז געקומען ווײַזן,
אַז אַלץ איז וואָר.

לאָמיר טועם זײַן די שטערן.
אַלץ ווי מיר האָבן זיך אויסגעטראַכט,
נאָר דאָ קוואַלן זיי ממש
פון די הענט.

מיט די בערד, סענדער,
לאָמיר אויסקערן די זאַמדן.
אַלע שטיבער, אַלע קרוינען
בליִען אונטער זאַמד.

ג

שטויב פון סמבטיון אויף אונדז.
ניט שוין-זשע דאַרפן מיר אין גאַנצן צוגעדעקט ווערן
פון שטויב, סענדער,
ווערן ווײַס,
ניט מער דערקענען זיך —
אויף צו דערגיין,
אויף צו קאָנען אָנקומען צו די רויטע ייִדעלעך?

צי דען ניט גענוג די לבנהס,
וואָס מיר האָבן אויפגעקליבן אין טאָרבעס,
פולע און גאַנצע,
באָרוועס זיי דערשלעפּט ביז אַהער?

ניט גענוג מעשיות, אָנגעצונדענע אין אויגן?
ניט גענוג שטענדערס באַקרוינטע מיט אַ חלבן ליכט?

שטויב פון סמבטיון אויף אונדז, סענדער,
צו די רויטע יידעלעך פירט דער וועג דורך שטויב.

ווייסע דורך און דורך
וועלן מיר אָנקומען צו די רויטע יידעלעך.

ד
יידן פון יענער זייט סמבטיון.
שטעטלעך, וואָס וואַקסן אוים איבער נאַכט.
לבנהס, וואָס מ׳קאָן כאַפּן מיט אַ רעשעטע.
לעגענדעס, וואָס ווערן קיין מאָל ניט אַלט.

און אַז מ׳האָט נאָך ניט געפונען דעם שטיין פון חכמה
צו פאַרבייטן יעדן שטערן אויף גינגאָלד,
די פּאָליצעס אָנלאָדן מיט שמעקעדיקן ברויט,
אָנפילן די קרוגן מיט מילך-און-האָניק?
און אַז מ׳איז נאָך ניט דערגאַנגען דאָס רעטעניש
פון לייזער-עליע אין פאַרנאַכטן-גאָלד:
פלאַטערן מיט פּאָלעס איבער דעכער,
שפּיגלען זיך אין די פעדערן פון אַ הון?
און אַז מ׳האָט נאָך אַלץ ווערטער, וואָס באַלייכטן קוים
די אייגענע פינצטערניש —

די שטעטלעך, אויפגעשפּיליעטע אויף בערג, זענען דאָ!
לייזער-עליעס דאָ!
און די גאַנצע וועלט
מיט איר האַוון, לויפן,
איז נאָך אַלץ די וועלט
וואָס מ׳קאָן אַרומנעמען,
יעדן טאָג,
מיט אַ ניי אויג.

ה

גראָזן געצויגענע פאַר די האָר.
בלומען אָנגעצונדענע בײַ עקן פון יאַשטשערקעס —
סאַראַ איבערגעקערטע וועלט, סענדערל,
זינט מיר האָבן אָפּגעטרייסלט פון זיך
די בלאָטע
און די לבנהדיקע פּאַטשערקעס פון קאַבצאַנסק.

אַ וועלט מיט די פיס אַרויף, סענדערל!
שטיין און ציילן די טראָפּנס וואַסער אין דלאָניע,
מיר, וואָס האָבן מיט איין סקריפּ פון קאַראָמיסל
געטאָן אָנטרינקען
אַ גאַנץ ייִדיש שטעטל מים-חיים
האַ! ביסקל סאַמע דאָך...

גילגול איבער גילגול.
נעמען אויף זיך אַזאַ קפיצת-הדרך
פון די פאַרגעלטע בלעטער פון מעשה-ביכל
ביז צו די סאַמע טויערן פון סמבטיון
און טרעפן אַז ער איז... שטויב.

צי דען שוין ערב-שבת, סענדער,
וואָס מ׳קאָן זיך אויסשטרעקן מיט דער באָרד אַרויף,
לעבן דער שוועל פון אַ נײַער שטוב
און פילן, ווי די שכינה נעמט דיך אַדורך
טיף-טיף
מיט אירע וואַרעמע פליגל?

צי זענען מיר שוין אָנגעקומען צו די רויטע ייִדעלעך,
וואָס זענען גאָרניט ניט רויט ווי אין פסוק שטייט —
נאָר זיי האָבן די זעלבע פּשוטע פּנימער

פון אונדזערע ווידעס,
פאַרטיפטע אינעם טאָוול
פון אַן אונטערגייענדיקער זון...

מלאכים — ניטאָ, סענדער,
און דאָך וואָלט זיך וועלן אויפבינדן די טאָרבע,
אָנפילן זי מיטן ציטערדיקן ליכט,
וואָס בליט אַרויס פון אַ שײַבל
צופוסנס פון די הרי־חושך.

אַן איבערגעקערטע וועלט, סענדערל!
סמבטיון, בלומען אויף שבת.
אַ יונגער שטערן, וואָס שטעלט זיך אַוועק
פּונקט איבער אונדזער קאָפּ
צו ווײַזן
ווי מיר זענען אין גאַנצן
גרײַז.

קאָמראַן

א

זאַלץ

סדום —
אומעטום לייגסטו אָפּ דײַן זאַלץ.
אויף אַלע בערגלעך,
אין אַלע לבנהס
לייגסטו עס אָפּ.
דו ביסט דער גרויסער מאַגנעט,
וואָס ציט צו זיך צו אַלע גראָזן
און זייגט אויס זייער בלוט:
דער פּאָספּאָרנער טאָוול,
ווו קעמלען קניִען
און שרעקן זיך פאַר זייער שפּיגלבילד.

וואַסערן, וואַסערן, וואַסערן
דערטרונקענע אין דיר
מיטן פּנים אַרויף.

דאָ זענען אַלע בליצן שטיין געבליבן,
גליווערן איצט ווי מעסערס.

צעשניטענע דײַנע פּאַלאַצן,
דײַנע זײַלן,
און בלאָקייט רינט פון זיי אַראָפּ...

ווער האָט די שטילקייט דאָ
אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז,
זי אויפגעהאָנגען אין מיטן לופט?

כאַרדונען קריכן אַרום
מיט אויסגעלאָשענע אויגן.

...אויך זיי האָסטו אָפּגעגאָסן
מיט גרינעם, גלימצערדיקן
פאַנצער —
ז אַ ל ץ...

ב

מגילות

מיר זוכן דיך אין זאַלץ,
אין דער פולער לבנה,
אין די פּוסטריט פון כנענים, איסיִים, בעדוִינער,
וואָס האָבן אויף קעמלען אַדורכגערויכערט
איבער דײַן פּנים —
קליינער פּאָסיל,
שטעמפּל פון צײַט און פון גדלות...

קאָן זײַן, אַז פאַרלוירן האָט דיך
אַ ברוינהויטיקע מרים
אין איר טאַנץ מיט די טאַצן,
ווען פולע באַלאָדן געווען
אירע קנעכל מיט גאָלד,
אירע בריסטן מיט פּערל —
און דו ביסט אַ פּערל געווען...

קאָן זײַן אַז אין קלאָגערינס האַנט ביסט געלעגן,
אין סדום-נאַכט דער ערשטער,
ווען הינטער דער פּלייצע געטליִעט האָט אַש,
געשיפּעט שגעון,
און פלאַמען פון זאַלץ
האָבן נאָכגעיאָגט איר ווי רײַטער,
געקלעטערט אויף קליידער —
און דו ביסט אַ לאָגל געווען
אין דער קלאָגערינס האַנט
ביזן זאַלצטויט...

און אפשר האָט מידבר געשריבן אַליין
זיך מיט אותיות פון זאַלץ
בײַ שײַן פון לבנה,
ווען מעש האָט געשאַלט אין די בערג,
און בלינדע איסיִים
האָבן פאַרקלעפּט אים
מיט פינגער פון וואַקס,
אים פאַרחתמעט אין קאַנען:
מגילות
פון ווינט
און פון וואַי,
פון אותיות אין פלאַקער...

קליינער פאָסיל —
אויפגעריסענע וויִע פון צײַט
אונטער פוסטריט...

ג

מצדה

מצדה —
צעשניטן, צעריסן.
טריט.
— אַ מעשענער פֿאַנצער —
לבנה
גליִט.

לבנה —
שאָל פֿון טרומייטן,
שטוים.
ווער היפּערט פֿון אייגענעם שאָטן
אַרוים?

די רוימער, די רוימער, די רוימער!
זיי קלעטערן
איבער שטיין און ווענט.
זייער פּנים, אין ליכט פֿון פֿאַקל,
בערדיק
ברענט.

שטיינער פֿלאַקערן רויטע
אַראָפּ אין תהום —
יעדער קוקט מיטן טויט
זיך אָן.

די רוימער, די רוימער, די רוימער.
סדום.

שאָטן איבער לבנה —
גרין.
ווער הענגט זײַן לעצטן חלום
אויף אים?

ד

קאָמראַן

אין קאָמראַן, די היילן,
לעצטע איסיִים
זייער טויט דערציילן.

מיט לבנה באַשפּיגלטע
שטייען די קאַנען —
האָט קללה פאַרזיגלט זיי.

פּערלען זיך שפּינען
אַראָפּ פון דער סטעליע,
און יאַשטשערקעס גרינען...

רוקט אָפּ זיך לבנה
טראַט-נאָך-טראָט —
סוד...

ה

צוואה

קאַהאַרטעס איבער מצדה.
לבנה אין נעץ פון זאַלץ.
האָסטו שוין די הייל פאַרחתמעט,
באַהאַלטן אַלץ?

קאַהאַרטעס איבער מצדה.
נאַכט צעשניטן פון מעש.
דאָס ליכט וויקל אײַן אין טלית,
פאַרלעש!

קאַהאַרטעס איבער מצדה.
שאַקאַלן. זעץ פון פויק.
וואָס קוקט אַזוי גרוים און אָפן
דײַן אויג?

קאַהאַרטעס איבער מצדה.
זאַלץ איבער מיר און דיר.
דײַן מעסער — אַ בלאָער פידל.
קום, בן־יאיר...

ו

אין די טריט פון מורה־צדק

אין די בלאָע טאָוולען פונעם מידבר
וועל איך טאָן דעם מורה־צדק זוכן...

צווישן בערג פאַרגליווערטע אין ליפן —
כ׳וועל אים זוכן...

הוי, אַזוי פיל שטרויכלונגען און תהומען
טיילן אָפּ פון מורה־צדק!

אים באַהאַלטן האָט די נאַכט אונטער איר מאַנטל
זאָל אים קיינער ניט געפינען.

אויסגערונען איבער גלימצערדיקע סטעזשקעס
איז זײַן בת־קול.

ניט פאַרלעשן וועט מײַן יאָגנדיקן אימפּעט
נאַכטווינט.

אָנגעטרונקען מיט לבנה האָבן זיך די בערג
און בלענדן.

אין די בלאָע טאָוולען פונעם מידבר
וועל איך טאָן דעם מורה־צדק זוכן...

ז

דער לאָמפּ פון אַלאַדין

די לבנה גרויס און גרין,
ווי דער לאָמפּ פון אַלאַדין.
סדום. און לאָמפּ פון אַלאַדין.

כישוף הוידעט אויס אַ קרייַז:
שאָטנס שמאָלע אין געשפּרייַז,
נאָר פאַרשלאָסן איז דער קרייַז.

הוי! צעוואָיעט זיך מייַן קול.
הוי! פאַרפּאַטשט מיר שרעק דאָס קול.
הוי! און הוי! — דערשטיקט מייַן קול.

גליטשט מייַן פוס זיך אויס אין ליכט.
זאַלצשטראַל. שטיינער... אויפגעריכט!
סאַמע דימענטן דאָס ליכט.

כ׳פיל די קעשענעס זיך אָן.
נאָך און נאָך, איך פיל זיי אָן.
כ׳שלעפּ און שלינג ווי פון אַ תהום.

כישוף... אויסגערונען אַלץ.
פינגער שנירן צו מייַן האַלדז.
טויטע שטערן אויפן זאַלץ.

נאָר לבנה גרויס און גרין,
ווי דער לאָמפּ פון אַלאַדין.
הוי! דו לאָמפּ פון אַלאַדין...

ח

שאַקאַלן

נאַכט אין די היילן, טויט הינטער פּלייצע.
הו־הו פון שאַקאַלן, הו־הו.
זאַלץ פון לבנה טוט אַלץ דאָ פאַרפּלייצן.
הו־הו די שאַקאַלן, הו־הו.

איסיים מיט וואַקסענע פּנימער שלאָפן.
הו־הו פון שאַקאַלן, הו־הו.
גרייזע איסיים — ווי קאָנען זיי שלאָפן,
ווען שאַקאַלן הו־הו און הו־הו?!

שטערן פאַלן אַראָפּ אויף איסיים.
ווו זענען די היילן, ווו?
טויט הינטער פּלייצע, זאַלצקווייטן בליען.
שאַקאַלן: הו־הו און הו־הו...

ט

מורה־צדק

גייט דער מורה-צדק איבער מידבר.
פּרעפּלען זײַנע ליפּן הלל.
טוליען זיך כּאַרדונען צו די פיס אים,
שפּרינגען אים אַנטקעגן שטראַלן.

שמייכלט מורה-צדק אַ פאַרטראַכטער:
— אַט די מידבר־ל״ו — כּאַרדונען!
האָבן זיי די נאַכט פּאַר אַ געלעגער
און אַ שפּײַכלער האָב-און-גוטס — די זונען.

שפּראַצט אַ הינד אַרויס איבער אַ סקאַלע,
קוקט זיך אום מיט סאַמעטענע אויגן.
פרייט זיך מורה-צדק: אַט די הינד דאָרט
פונעם מידבר טוט זי איר חיונה זייגן...

פונעם הימל שיילט זיך אויס אַן אָדלער,
שפּינט זיך אײַן אין ציטערדיקע קרײַזן:
הוי! דו אָדלער! — שרײַט דער מורה-צדק,
— כ׳וויל, ווי דו, איבערן מידבר פרײַ זײַן!

גייט דער מורה-צדק ווײַטער.
הלל בליט, ווי ווײַן, אויף זײַנע ליפּן.
שפּרינגען אונטער „קדוש״ די כּאַרדונען,
און ווי פידלען טוט דאָס זאַלץ אונטער אים סקריפּען...

י

איסיִים

דער מורה־צדק ניטאָ מער.
מידבר געבליבן אַליין,
מיט איסיִים אין ווײַסע טליתים,
מיט פאָספאָרדיקן שטיין.

זיי זיצן אַלע פאַרגליווערט
און ריידן ניט אויס קיין וואָרט.
שטיין ווערט צונויפגעוואָקסן
מיט טרערן פון זייער באָרד...

שטעלן אַרום זיי חאַמסינען
מיט פײַערדיקן קרײַז:
זון שפּיגלט בלייך דורך שטויבן,
פאַרבט אָפּ זיי די וויִעם גרײַז...

כאַרדונען שטרעקן אויס העלדזער,
קוקן זיך אָן דערשטוינט:
איסיִים ווערן אַלץ ווײַסער,
זייער קאָפּ מיט שטיין באַקרוינט.

זייער קאָפּ ווערט אַלץ טיפער, טיפער —
אַט רירט ער שוין אָן די ערד.
טליתים פון לאַנג צעפאַלן,
צעפאַלן די לאַנגע בערד.

און ווען ס׳ציטערט אויס לבנה
מיט פחד איר גרינע שײַן,

זעט זי: איסיִים זייגן
מיט ליפּן אין שטויב זיך איַין.

אַרום — דער גרויסער מידבר
פּאָכעט אין טויטן גלאַנץ.
דער מורה־צדק ניטאָ מער —
איסיִים געוואָרן זאַלץ...

יא

סדום

בלאָ געשליפענע, צעשניטענע פֿון ווינט און שטערן — סדום.
פֿון אַלע זײַלן, אַלע סקאַלעס קוקט מײַן שפּיגלבילד מיך אָן.

אין נעץ פֿון דער לבנה שווימען מײַנע טריט אַרום ווי בלינדע —
וואָס זאָל איך טאָן מיט יאַשטשערקעס וואָס גאַפֿן אָן מיך און פֿאַרשווינד

מיט וואָס זאָל איך פֿאַרשטעלן אַט דעם ים פֿון גלאָז און גליווער,
אַז טויזנט גרינע פּנימער זיך בײַטן קרימען איבער?

סקאַלעס, סקאַלעס אויפֿגעטורעמטע! פֿון זינד און כהן רשע!
ניטאָ קיין טרער אין מיר, וואָס זאָל די בלאָע פֿלאַם אין אײַך פֿאַרלעשן.

*

אויף אַלע פֿיר איך קריך אַרום געטריבן פֿון מײַן שרעק און וואָיע.
נאָר קיינער שטרעקט ניט אויס אין נאַכט אַ האַנט צו מיר: ביסט ראוי.

קומט קיינער ניט אַנטקעגן מיר פֿון נאַכט מיט שטריק און טלית
און רופֿט אַרויס הכנעהדיק אַ טיפֿע הייל צווישן סקאַלעס.

איך נישטער אום נאָך פֿוסטריט, דריי פֿאַרכישופֿט זיך אין עיגול:
— „טוט קיינער ניט צווישן זאַלצן, ווי אַ בלאָע פּערל, ליגן?"

*

מורה־צדק, מורה־צדק, קום אַרויס אַ ווײַסער פֿון מחילות.
קאַהאַרטעס שוין אַוועק מיט ווינטן און דער מידבר שטיל איז...

דינע נעפּלען וויקלען אײַן די טליִענדיקע ערדן סדומער —
ניטאָ מער היפּער פֿון טרומייטן, אויך דער כהן־רשע איז ניטאָ מער.

שפּרייט פֿונאַנד די אָרעמס דײַנע און וועק אויף די ברידער,
זעץ זיי אויס אין קראַנץ פֿון דער לבנה — זײַ אַ מורה־צדק ווידער...

גראָזן

א

פון טויזנט-צאָליקע רערן וויל איך אײַך הערן אַרויסזינגען
גראָזן פון לעבן!
און אויב אַפילו אין עובר-צײַט נאָך, אויב רויטע חאַמסינען
שיטן אויף אײַך נאָך אַראָפּ די שרעק פון סמבטיון —
וויל איך אײַך הערן.
אָרעם בין איך און נאָר איר זענט מײַן חבר.

ווען איר היפּערט אַרויס פון דער נאַכט
און טרינקט אויס די מדבריות —
ווו זאָל איך נעמען דעם טראַף
איך זאָל אײַך דאָס זאָגן?

אַז כ'קאָן דאָך אַפילו קיין גרעזל ניט זײַן
אינעם חיל פון ניצחון,
זיך טראָגן, ווי איר, אין דער שטיל,
אויף לבנהשע פליינען
און אײַנשטעקן דרײַסט אין דער וועלט
אַ פענדל פון גראָזקייט!

ב

שטרעקן אויס די גרויסע רערן
פּאַרמאַזאָליעט-שוואַרצע פינגער:
אַט אַהין גייט, גרעזלעך!
און די גרעזלעך דינע-דינע
— וואַסער נאָך — לאָזן זיך לויפן,
קײַקלען זיך איבער די זאַמדן,
טרײַבן אונטער איינס דאָס צווייטע,
שרעטעלעך אין ליכט פון שטערן.

איינס פון אַנדערן איז פלינקער,
יאָגט זיי נאָך דאָס קול פון רערן:
„גיכער, דרייסטער!"

האַלדזן זיך אין יונג געראַנגל
טראָפּנס גראָז, ווי טראָפּנס פּאָספּאָר,
קערלעך זאַמד, ווי קערלעך זילבער,
שלאָגן זיך מיט ריטלעך שטראַלן.
קנוילט צונויף זיך זאַמד ווי פּויסטן —
שפּרינגען אונטער טראָפּנס גראָזן,
אויסגעמישט ווערט גרין מיט זילבער.
יעדעס מאָל אַלץ נייע טראָפּנס
רייסן זיך אַריין מיט אימפּעט,
יאָגט זיי נאָך דאָס קול פון רערן:
„טיפער, דרייסטער!"

קוואַלט אַריבער גרין די מחנה.
לאָזן איבער די חללים...
שטעלן אויף זיך אויף שפּיץ פינגער
ערשטע האָזנדיקע גראָזן,
שאַרפן אויערלעך נשתוממ,
טרינקען אָן זיך מיט לבנה:
ווייט אַרום, אין פלאַך פון פלושן,
ליגן אויסגעלאָשן זאַמדן,
ליגן זאַמדן אָן אַן אָטעם...

העט, ביי וואָרצלען, הייבט אָן טאָגן...

ג

מיט שטראַלן פון זון פֿאַרגלעט יעדער קנייטש איז —
אויף מידברשע פלאַכן, גראָז פון בראשית...

טראָגט איבער אַ ווינטל פון שכן צו שכן
די בשורה פון גראָז, דאָס געזאַנג פון ניצחון.

בלישטשען נאָך טויען בלאָ אין קאַנאַלן —
אויך זיי וועלן ווערן באַלד גראָז ווי דאָ אַלע.

פלאַטערט אַ פויגל אַריבער נשתומם —
מאי־קא־משמע־לן גראָזקייט וואָס שפּראָצט אין די רוימען?

שושקען זיך גרעזעלעך, קוקן זיך איבער:
„בײַ די וואָרצלען, טיף, קלאַפּט דער דופק פון שטיבער..."

ד

גרוים און דאַר דער קונצנמאַכער
ציט פונאַנדער סטענגעס־שליאַכן,
שנעלט זיי אַפּ מיט לאַנגע פינגער,
שפּרייט זיי אוים אויף גרינע פעלדער.

בלאָזט ער אויף די ברוינע באַקן —
הייבט דער מידבר אָן אַנטלויפן,
געל און בייז ווי סטאַדעס פוקסן,
קוקן נאָר זיך אום דערשראָקן...

גיט אַ ווונק דער קונצנמאַכער —
שפּראָצן פלינק אַרוים די כאַטעס
ווי אַ מחנה ווײַסע האָזן.
לויפן נאָך די בייזע פוקסן.

בלימלעך פלאַטערן אין לופטן,
זאָגט דער קונצנמאַכער: „בלייבן״!
פאַלן בלימלעך צו די פיס אים.
ווערט די וועלט אַ בלומען־גאָרטן.

אויף אַ קול פייַפט קונצנמאַכער —
גיט אַ פּאַטש די הענט: „זאָל לעבן״!
ווערט דער גאָרטן פול מיט קינדער,
און מיט ציגעלעך די לאָנקע.

דרייט זיך אום דער קונצנמאַכער
מיטן שטעקעלע פול וווּנדער:
„זאָל געבוירן ווערן לאַכן!״
און דאָס לאַכן ווערט געבוירן.

שמייכלט וועלט אין אַלע פאַרבן,
קוועלט אַנטקעגן אים מיט אויגן.
טיף פאַרנייגט זיך קונצנמאַכער,
גיט אַ דריי דעם וואָנס, און — נעלם...

ה

דיונע־געלער האָר פון נגב,
ברענענדיקער סנה דייַן אָטעם,
רויטגעאָדערט דייַנע אויגן,
האָריקער סאַמום דייַן אָטעם.
פערד דייַנס — שטאָלענער גראַניט־באַרג,
זשאַווערדיק צום שפּרונג — דייַן זאָטל,
מאַכטיקע צום שפּרונג — די שפּאָרנס,
אָדלערגלייַך צום פלי — דייַן בורנוס*

---

* בורנוס — בעדוינער־מאַנטל.

קניִען פֿאַר דײַן קוק די קעמלען,
כוואַליען זיך צונויף אין הויקערס,
גראָבן אײַן אין שרעק די שטערנס,
שלינגען שווער דײַן בייזן אָטעם,
ווערן שטיקער אײַז פֿאַר שטילקייט.

שנײַדסטו אײַן אין פֿערד די שפּאָרנס,
גיט אַ פּאָכע שוואַרץ דײַן בורנוס —
רײַסט זיך אָפּ פֿון אָקס דער הימל,
פֿאַלט אַראָפּ ווי נאַכט אויף קעמלען,
קלינגט ווי בראַנדז אָפּ גאַנצער נגב :
„רײַטן ! רײַטן !"

אײַנגעגעבערט
איינס אין אַנדערן ווי שלאַנגען,
פֿליִען פּאַסמעס ברוינע זונען,
רויכערדיקע רויטע זײַלן,
טרינקען זיך אין בערג מיט סאַדזשע
און אין גראַנאַט גייען אונטער.

בלישטשעט ווײַס נאָר ראַנד פֿון תּהומען...

שפּרינגען אויף אין בלינדן פּחד
הויקערדיקע פֿליינען — קעמלען,
קײַקלען זיך פֿאַר גיכקייט איבער,
איינס דאָס אַנדערע פּאַרטונקלען.
גיכער ! גיכער! אויסגערונען
שוין דער לעצטער פּאַס פֿון טאָגליכט,
אײַנגעקלעמט אין ווענט פֿון ווירבערס
און פֿון ווירבערס אָנגעצונדן,
דרייען זיך צעקרימטע הויקערס,

שרויפן זיך אַרײַן אין תהומען.
העכער! העכער! אײַנגעקנוילט שוין
נאַכט און קאַפּיטעס און קלאַנגען,
נאַכט און קאַפּיטעס און קלאַנגען,
שטיי!

און ס׳פּאַכעט זיך פונאַנדער
שוואַרצער בורנוס. אויסגעוויכערט.
אָפּגעשטעלט דאָס ווילדע רײַטן,
אײַנגעצאַמט די רויטע שפּאָרנס,
מיד אַרויסגעשיילט די זונען,
אָפּגעגלאַנצט די הייסע זאַמדן...

— — — — — — — — —

דיונע-געלער האָר פון נגב —
ברענענדיקער סנה דײַן אָטעם,
האָריקער סאַמום דײַן אָטעם...

קלאַנגען פון נגב

א

דימונה

לידער פון דימונה קוואַלן טאָג פאַר טאָג בײַ מיר אין האַרץ,
שפּרייט איך זיי פונאַנד פאַר אַלע, ווערן זיי פון ס'נײַ געבאָרן.

אַט האָט זיך אַ בוים צעשפּילט שוין פאַר מײַן שטוב און אָט אַ צווייטער.
ווער איך אויך אַזאַ מין בוים אַ לידערדיק באַקלײדטער.

און די גראָזן שפּראָצן, שפּראָצן. וועקן קלאַנגען אין זיכרון —
לידער פון דימונה טאָג פאַר טאָג אַלץ מערער אין מײַן האַרץ...

ב

פאַר טאָג

הויקערדיקע גאַסן רייטלען זיך פאַרשעמטע אין דימונה.
אַלץ דאָ ציטערדיק און יונג און האָט נאָך ניט קיין נאָמען.

בערדיק גרויסע טאַטעס איינגעהילטע אין בורנוסן —
שטייען שוואַרצע אין אַ קרייַז מיט שטיקער ליכט צופוסן...

גליטשן זיך די אַטלאַס-בערג אַראָפּ פון האַלדז און נאַקן —
דימונה אָטעמט גאָלד — ווערט טאָג אין די באַראַקן...

ג

בענקשאַפט

פעלדער טונקעלע, פאַרלאַטעטע מיט שיימעס און מיט לעם —
שפּינט אין לבנה אוים דימונה איר בענקשאַפט נאָך מעקנעס.

פאָדעם־גרינע סטעזשקעס, פרישער ריח פון באַראַק.
שפּאַרט אונטער חלום בײַ איר פענצטער אַ מיידליש ברוינע באַק.

פאַרלאָשן אַלע שטיבער. ניט קיין שאָרך פון ווינט.
מיידליש פּנים פון דימונה אין אַ שטויב פאַרשפּינט.

ד

נאַכט

פּירקאַנטיקע באַראַקן. טיר און שלאָס.
דימונה שלאָפֿט און דעקט זיך צו מיט גראָז.

ס'בלאָנדזשעט אום אַ ליכטל וווּ-ניט-וווּ,
נאָר ווערט אַנטשוויגן. פֿאָרהאַנג דעקט עס צו.

נאַכט איבער די פֿעלדער. וואַנט צו וואַנט
טוליעט זיך אין לויער. אָט דאָס איז מײַן לאַנד.

ו

לכיש

מיך ציִען אַלע שליאַכן קיין לכיש.
די גראָע האָר אין מיר איך היפּער איבער.
ביַי מיר בליט אַלץ לבנה אויפן טיש
און שטערנדלעך נאָך פינטלען אין מיר — לידער.

טו איך מיַין אַלטן מאַנטל אָן און שפּאַן
איך זאָל דעם אויפגאַנג פון די כאַטעס ניט פאַרפעלן.
און כאָטשע כעלעם איז שוין ניט פאַראַן
בין איך נאָך אַלץ מיט אַלע חושים — כעלעם.

שפּיזן מיך אויף די אויגן פון מעקנעס:
„פון וועלכער וועלט איז ער, פון וועלכן שטאַם ער?"
„ — ווי איר האָב איך אין האַרץ אַ שטיקל פּעס,
און ברייטע שאַראָוואַרן מאַראָקאַנער.

ווי איר האָב איך אַ שנירל וויַיסע ציין,
אַ תפילין־זעקל אויסגעניייט מיט פלאַמען.
נאָר אויב געַרופן כעלעם כ׳האָב מיַין היים,
האָט איר זיך איַינגעהילט מיט שמירות פון רמב"מען.

פירן די וועגן אַלע קיין לכיש,
מיט רעדער און מיט קעמלען און מיט שטערן.
לבנה רוק אַוועק! גרייט צו דעם טיש!
מיר וועלן נאָר די וועלטן איבערקערן!

פ ל ש ת

פאַר ציפורה און יחזקאל הובערמאַן

1

א ש ק ל ו ן

צוריק צו פלשתים. כמה הונדערט דורות
אַראָפּוואַרפן פון פּלייצעס מיט אַ מאָל — איז וואָס?
געפינען אין די קנייטשן פון אַ שטיין די מאָס
פאַר אַלע שיינקייטן און אויסטערלישע תורות?

צודעקן ווידער אַלע ספקות, מורא׳ס
מיט דעק פון הימל, מיט אַ מאַנטל גראָז,
זײַן צווישן חורבות ווידער באַלעבאָס
איבער מלכים, צײַטן, מכות-בכורות —

און מיט אַ מאָל זיך טרעפן אויג-אויף-אויג מיט געטש דגון,
מיט בלאָנדן שמייכל פון אַ האַלבער אַפראָדיטע —
אַ שמשון זען פון בראָנדז אַרויסגעשניטן,

און גאָרניט טראַכטן, גאָרניט טאָן.
נאָר פילן וואַקסן זיך צוריק דורך צײַט און צײַטן
מיט שטיין צוקאָפּנס, מיט אַ ים פון ווײַטן.

2

„נ י ק ע״

מיך שרעקט נאָך אַלץ דער שטאַרער קוק פון „ניקען״,
דער געטין פון ניצחון. כאָטש פון שטיין,
כאָטש די ציַיט, וואָס גריזשעט אין געהיים,
האָט אויכעט זי אַוועקגעשטעלט צווישן אַנטיקן.

כאָטש אויף וועגן שטענדיקע צו תיקון
וואָס איך האָב דורות לאַנג געפּרוּווט דערגיין,
האָב איך אין מידבר, וואָס איז איצט מיַין היים,
געטאָן — ניט פוקסן — וויַיסע הייַזער שיקן.

טרייסט דאָס מיך ניט. מיך שרעקט איר שטאַרער קוק
דער נאַקעטער, פון אונטער שטערן.
אָט וועט דער ווינט, וואָס טוט די זון פאַרקערן,
אויפהייבן אירע אָרעמס און — אין פלוג

וועט ווידער זיַין זי „ניקע״ — דער ניצחון
וואָס האָט די אויגן שמשונס אויסגעשטאָכן .

3

עזה

אַ שפּרונג פֿון דאַנען צו די טויערן פֿון עזה.
„אויסרײַסן זיי פֿון ריגלען ווי אַ מאָל און גיין
דורך זאַמדן, דורות, מיט צעבליצטע ציין,
ביז אָנשפּאַרן פֿון ס׳נײַ אין עולם־הזה.

און צו דער וועלט וואָס שטענדיק האָט מבֿזה
געווען מיך צוליב טאָוולען צוויי פֿון שטיין,
אויפֿהייבן ביידע טויערן פֿון אײַזן, שטיין
אויף אַ באַרג, און וואַרפֿן איר אין פּנים: נאַ זיי!״

פֿון עזה טראָגט זיך קריי פֿון העגער. הערט
זיך אין אַלע זײַטן קול פֿון מועדזינען.
ס׳איז אָנהייב טומל אויף די וועגן. ס׳איז באַגינען.

אַ בלאָע ליגט צו מײַנע פֿיס פּלשתּם ערד
צעשניטן דורך אַ גרענעץ. גרוײַזע,
אין שטויב פֿון דורות קניען טויערן פֿון אײַזן.

.4

דלילה

די וועגן פירן ווידער צו דלילהן
וואָס ווינקט מיט ווײַסע אָרעמס פון איר „כּאַן".
בין איך ניט שמשון פונעם שבט דן
פֿאַר וועלכן ס'מאָלט די צײַט מיט מילן
פון איר גערעכטיקייט און יושר שפּאַן-נאָך-שפּאַן.
כ'בין נאָר אַ קליינער גייער מיט אַ פּגם
אין זײַנע שטענדיק זוכנדיקע ברילן,
וואָס וואָלט אַ רגע אויסלײַען בײַם ים
די אַלע סערענאַדעס און קאָלירן
צעוואָרפענע איבער די ברעגעס — סתם,
זיי אויסלייגן ווי בלומען פאַר דלילהס טירן;
לאָכן פון אַלע פּלשתּים אַרום איר. און — דאַן,
ווי שמשון, אין איר שוים זײַן קרוין פאַרלירן...

5

אשדוד

ווילט זיך אַ רגע חלומען אַשדודיש. ים־נאָך־ים
האָט דאָ אַ שלל מיט מושלען אויסגעטרייסלט פֿון די ראַנדן,
דאָ האָט אַ פלאָט פֿון שיפֿלעך זיך געיאָגט נאָך האַנדל,
איז אַ פּאָסיידאָן נאָכגעפֿלויגן זיי מיט זײַן געשפּאַן.

דאָ האָבן בערגלעך זאַמד פֿון זייער ראַם
אַרויסגעטאַנצט צום טאַקט פֿון דיטיראַמבן.
אַשדאָדיש האָט מען דאָ גערעדט און זאַמדן
געהאַט אין זיך די זײַד פֿון מיידלעך. זייער פֿלאַם

געטראָגן האָט זיך איבער לענדער, יאָרן,
צו גרויסע, ברוינהויטיקע יונגען פֿון דער פֿרעמד,
וואָס קומען וועלן מיט צעגליטע הענט,
מיט פֿינקלדיקע הײַזער אונטער אָרעם.

מען רעדט ניט מער אַשדודיש. ס'איז אַשדוד
ווידער אַ קלינגנדיקע, יונגע שטאָט.

פ ט י ש

א

ווינט בלאָזט איבער די רויטע דעכער פון ביטחה,
ער בלאָזט איבער די פאַרשטויבטע קוסטעס פון ר נ ן און מ ס ל ו ל,
איבער פּטיש קנוילט ער זיך צונויף און ווערט זונפאַרגאַנג.

פּטיש מיט נאַקעטע ווענט און „קורדן" —
איינזאַם פליט דאָרט אַ בלאַט פון אַ בוים.
ווען דו וועסט פאַרמאַכן די טיר
זאָלסטו אָנצינדן אַ יאָרצײַט־ליכט,
ווען דו וועסט זיך זעצן צום טיש,
זאָלסטו זיך דערמאָנען אָן ורדהן.
קליין ביסטו און דײַן פּנים קיין מערב,
פּטיש.

ב

כאַטעס בליִען אויפן הונגער־שליאַך.
זיי ווערן ווײַס און צײַטיק און אָנגעדראָלן.
אויף די פעלדער בלוטיקט דער לעס.
דאָרט איז גרענעץ.

לעס איז אַ טיפער ים אין זונפאַרגאַנג.
כוואַליעס רויכערן אַרויף ווי זײַלן.
שאַקאַלן בלאָנדזשען אַרום און טרינקען זיך אין לעס.
כאַטעס פלאַטערן דערשראָקן ווי מעוועס.
דאָרט איז גרענעץ.
ווען כאַטעס פאַלן אַראָפּ און וואָרצלען זיך אײַן —
וואַקלען זיך ווײַטקייטן.
קינדער וועלן וואַקסן, וועט גרינען אַ וואַלד.

ווען קינדער וועלן גרויס ווערן,
וועלן זיי שטייען מיט ווײַסע כאַטעס אויף הענט
און היטן דעם גרענעץ.

ג

מיר,
וואָס קענען דיך יעדן טאָג, פּטיש,
און דו ביסט אין אונדז ווי ברויט — מיר קושן
דײַן קאָרע, וואָס איז ברוין ווי לעם,
די קנייטשן אויף דײַן פּנים,
און דײַן האַרטן, זיסן,
פּחדימדיקן תוך
פון מידבר...

ד

דאָ וואַכן ווענט. דאָ איז דער ווײַסער גליוווער
פון גלאָז-באַשטויבטן שליאַך. פאַרברענטער לעם
טשאַדעט אַרויס זײַן דינעם שטאָל פון אין-סוף.

און טירן קלאַפּן ניט. אינעם טומאַן פון זון —
פאַרריגלט יעדער ריר. דאָ קנוילט זיך שוויים,
דאָ פּויזעט נאַקעט איבער שטויב דײַן אָטעם,

צוזאַמען מיט כאַרדון. זײַן שוואַרצער עק
איז בולט ווי דײַן ביקס. און ס׳גליט דײַן האַנט
אויף גרודעדיקע קנייטשן פונעם מידבר. גרענעץ.

ה

מענטש פון דער פולער וואָך —
ווי אַ שאָטן קומט צו דיר אַרײַן די גרענעץ.
מענטש פון דער פולער וואָך,

ווי אַ שאָטן קומט אַרײַן די גרענעץ
אין דײַן מיטן שטוב.
נענטער און נענטער,
מענטש פון דער פולער וואָך.
און דײַנע קינדער שלאָפן,
און גרויס און פחדימדיק
איז דער מידבר...

ו

צום סנה האָט מען זי אָפּגעפירט,
אין סנה האָט מען זי באַהאַלטן.
ווי! דער ווינט, דער חאַמסין, האָט זי אַרויסגעריסן פון אונדז,
אונדז געלאָזט אַליין.
ווי! שוואַרץ געוואָרן די כאַטעס.
ורדהן האָט מען געטראָגן הויך אויף די הענט
אין עק טאָג אַרײַן.
ורדה איז אוועקגעגאַנגען פון אונדז,
אונדז געלאָזט אַליין מיט דער נאַכט.

*

דער ווינט גראָבט, צעדריבלט דעם לעס, דרייט אים צונויף אין הויכע זײַלן
אַ הויכע חופּה מאַכט דעם ווינט פאַר ורדהן,
און מיר זיצן אין די אָפענע כאַטעס און וויינען.
ווי! ווי! דער ווינט, דער חאַמסין, האָט אָנגעזאָטלט זײַן רײַטוואָגן
און נעמט זי מיט.
ווי! ורדה פליט מיט די שוואַרצע האָר.

*

מיט שטויב אין די אויגן דרייען מיר אַרויס די נאַפּטלעמפּלעך
און באַלייַכטן דעם הונגערשליאַך,
וואַרטן אויף ורדהן...
ווײ! דער ווינט, דער חאַמסין, האָט זי אַרויסגעריסן פון אונדז
ווי אַ סטעבליע ליכט.
ווײ! אין נאַכט האָט ער זי פאַרזעצט!
דער ווינט, דער חאַמסין, האָט אונדז איבערגעלאָזט
מיט אַ בינטל כאַטעם
אין מידבר...

ז

ביי נאַכט ווערן גרענעצן טיפער און ענגער.
ווי פּעטליעס
זיי רינגלען אַרום דיר דיין האַלדז.
און דו שטייסט געבונדן,
מיט וויַיסע, אַנטשלאָפענע כאַטעם אויף הענט
אונטער שטערן...

ח

אויפן הונגער־שליאַך געגען איך צו דיר.
וועלןביידע מיר זיַין דער תחום־שבת.
כאַטעם קוקן אַרויס דורך אָפענער טיר
מיט וואַך־ליכט און ברוך־הבאס...

מיַינע פינגער כ׳לייג אַריַין אין דיַין האַנט,
וועלן מיר ביידע דעם פחד ניט פילן.
ווי אַ טלית איז היינט אויסגעשטערנט דער זאַמד,
און די גרענעצן — הייליק ווי תפילין...

דער הונגער־שליאַך, מיט לבנה באַגרינט.
אַ בוים און אַ כאַטע: הבדלה.
גיב די האַנט. אין זכות פון דײַן ווײַב און קינד.
אין זכות פון מײַן זיידע פון שפּאָלע.

ט

גרענעץ קוקט אין דיר אַרײַן.
ניטאָ קיין שאָטן
וואָס זאָל פון איר פאַרשטעלן.
בלויז ווי גלאָז ביסטו
און דורכזיכטיק
ווי בלאָער טשאַד פון נגב...
אין־סופן אויף דער לויער.
הינטער זײַלן
פון שווינדלענדיקן לעם —
דײַן פּנים מיד
און אײַנגעקנייטשט,
ווי ניט־געאַקערט רויטע זויל
פון נגב...

און ס׳קניט אין דיר דײַן האַרץ.

צו מײַן זון

א

די קוואַלן מײַנע —
אַלע געבליבן הינטער די הרי חושך.
ניט פֿון מײַנע קוואַלן טוט טרינקען מײַן זון.

ניט פֿון מײַנע עמערס זיך אָנשיכורן,
די געשעפּטע אין די לבנהדיקע געסלעך
פֿון כעלעם.

בלאָע שעפּסן,
אויסגעחלומטע אין דער שטילקייט פֿון חצות —
פֿון זײַנע זשמעניעס
עסן אַנדערע זייער פּאַשע.

ב

וואָס כ׳האָב ניט דערהאַרכט אין מיר —
זינגט איצט אַרויס פֿון מײַן זון.

וואָס כ׳האָב ניט דעריאָגט אין מיר —
שטייט אָנגעזאָטלט פֿאַר זײַן שוועל.

בלאָע שטערן,
וואָס כ׳האָב ניט דערטראַכט, ניט דערזאָגט
אין מיר —
פֿינקלען אין זײַנע הענט.

אין פֿולע לבנהס
שאַרפֿט מײַן זון אָן
זײַנע נײַע טעג.

ג

מײַן זון אַנטלױפֿט פֿון מײַנע הענט.
װאָס האָב איך אים דען געקאָנט געבן
חוץ מײַן אױסגעגאַנגענע לבנה?

זיבן־מײַלן שטיװל האָט מײַן זון —
װי האָב איך אים געקאָנט צוריק האַלטן
מיט מײַן אײזעלע פֿון משיח?

בלאָע האָריזאָנטן פֿאַר אים —
װאָס האָט ער געװאָלט טאָן
מיט מײַן תּפֿילה
אױף שפּיץ צונג?

ד

ברױנע חאַמסינען
װיקלען אײַן בערג,
מאַכן טיפֿער די אײַנזאַמקײט,
שװײַגן אױף יעדן בלאַט —
אין די חאַמסינען מײַן זון.

דערנער פֿלאַמענדיקע
שפּיזן אױף הימלען,
בױערן אױס אַ קול —
אין די דערנער מײַן זון.

שטיבער נאַקעטע,
אױסגעשײלטע פֿון אַזױ פֿיל דורות,
קניִען צו דער ערד,
דערהײבן זיך פֿון דער ערד —
אין די שטיבער מײַן זון.

ה

גרויסע שטאָלן

דעקן איַין מיַין זון ווי אין אַ מאַנטל.

דאָרט שלאָפט ער.

דאָרט וואַקסן זיַינע לייטערס

צום הימל.

אַלע שטיינער שוין אויסגעקריגט זיך

פון וועלן ליגן אים צוקאָפּנס.

נאָר ער באַגנוגנט זיך

מיט דער אייגענער, האַרטער פויסט.

מלאכים זענען סיַי־ווי דאָ.

מאָרגן וועט ער אויפשטיין

און פילן, ווי פון אים

הייבט זיך אָן די וועלט.

ו

יעדער שטיין,

וואָס איך האָב אויסגעטראָטן —

ווערט ווידער ניַי פאַר אים.

סאַראַ גרויסע נשמה אין שטיין.

יעדעס בלאַט,

וואָס דער ווינט האָט אין מיר אָפּגעריסן —

פלאַטערט שוין ווידער — גרין —

אין זיַינע אויגן.

איך לויף נאָך אַלץ

נאָך דער אונטערגייענדיקער זון.

בשעת זי ליגט, יונג און צאַפּלדיק,

אין זיַין בלוט.

ז

ניט איך —
זיידעס קוקן איבער זייַנע אַקסלען,
ווען ער פילט אָן אַ קאָריטע מיט זון
און שטעלט אַוועק שעפּסן
אויסטרינקען זי ביזן דנאָ.

ניט איך —
זיידעס קושן זייערע טאַשמעס בערד
— ווי טליתים —
ווען ער מאַכט אַ ברכה אויף אַ שעפּס,
וואָס איז איבער נאַכט אויפגעגאַנגען...

איך און די זיידעס
לויפן שוין נאָך אָן אָטעם,
ווען ער — הויך אויפן פערד —
איז מעביר
מיט ווייַסע קלינגענדיקע שעפּסן
די גרינע פּאַשע פון דער וואָך —
ביז צו סאַמע זון.

ח

אָנגעמאָסטן און גוט
די וועלט אויף זייַנע אַקסל.

קיין איין ליד
וועט מען ניט דאַרפן פאַרריכטן אויף אים.

קיין איין שטרוי
ניט אַרויסנעמען פון זיינע האָר.

ט

פאַרוויקל מיך
אין דײַנע שווערע טריט בײַ נאַכט,
ווען דו לייגסט אַוועק פאַר יעדן שעפּס
אַ טעלערל פון הימל אָנגעפּילט מיט היי,
און וואַרעמע שפּיגלען דיך אָפּ אין דער פינצטער — אויגן.

פלעכט אײַן מיך
אין דײַן אָטעם,
וואָס רופט זיך איבער מיטן אָטעם פון ווענט,
מיטן אָטעם פון דאָרף,
נידעריק,
ווען די טעלערלעך פון הימל גייען אוים.

לאָז מיך זײַן
אין דײַן חלום,
שטאַמלענדיק,
איבערגייענדיק פאַר גרייטקייט
צו אַ נייעם טאָג.

י

פּאַלאַצן, וואָס איך האָב געבויט,
פּאַלאַצן, וואָס אויף מײַן הויקער —
וווּהין אײַך דערטראָגן,
אויב ניט צו דעם שמייכל,
וואָס מײַן זון האָט פאַר מיר צוגעגרייט?

ווּ אײַך אָפּלאָדן,
מיט אײַערע ליכטן און פּימסענהאָלצן,
פּאַלאַצן, וואָס אויף מײַן הויקער,
אויב ניט אין די שוואַרצאַפּלען —
ווּ עס קיניגט מײַן זון?

אינהאַלט

פון פינקס

צום פינקס 7

פון פינקס

א. מיר האָבן גרויסע סעודות געהאַט 8
ב. דער פינקס מײַנער 8
ג. בלאָער טשאַד פון „ויתן לך" 9
ד. איך חלום פון ירושלים 9
ה. אין פינקס מײַנעם 10
ו. אין אַלע ווינטערדיקע דפים 11
ז. בלעטערט מען צוריק 11
ח. צווישן די שורות פון פינקס 12
מיין זיידע 13
מיין טאַטע 14
טעג 16
דער באַהעלפער 17

דער קונצנמאַכער

א. וווּ זאָל זיך הינטאָן 19
ב. שפּאַנט אַרום דער קונצנמאַכער 19
ג. קיזעלעך, קיזעלעך, מײַזעלעך 20

דער אוצר 22
כעלעם 23
צו אַ בוך 24

שלום־עליכם

א. גיטאָ קיין טויט 25
ב. רינגלען זיי אַלע אַרום 25
דער פינקס בלעטערט זיך צוריק 27

וואָרקוטע

א. וואָרקוטע — אויג אין דער טייגע 28
ב. פירט מיך צוריק קיין וואָרקוטע 29
ג. אונטערגעגאַנגענע אין דער טייגע 29
ד. דאָ ענדיקט זיך אַלץ 30

טײַגע

א. מער קענען זיך פון טײַגע 31
ב. דו ביסט געווען ווי איך 32
ג. איך שנײַד אויס אַ ליד 32
ביכער פון טויטע 33

דער נײַער יישוב

דער נייער יישוב

א. שטייען זיי ברייטע און יוסטע 37
ב. זיי קומען אָן מיט קוישן 38
ג. די שטוב איז קליין און ווייס 38
ד. אַלע זאָלן ליכטיקער זיין 39

פאַר טאָג

א. וועל איך אָנטרינקען ווידער 40
ב. ווײַסע כאַטעס 40
נײַע שטאָט 42

שבטים

א. מיר גייען זיך אַנטקעגן 43
ב. מיר קענען זיך פון לאַנג 43
ג. פון ערגעץ ווו 44
ד. זיי קומען פון ג'ערבאַ 44
ה. נעמען: אַקוקאַ, זאַזון 45

מחנה־ישראל

א. צײַט היפּערט איבער 47
ב. פון חצרמוות 48
ג. אַלע בכורות אויסגעלייזט 49
ד. שבזיס לידער זענען אויסגעגאַנגען 50
ה. ווען קאָסע כמאַרעס 50
פאַר נאַכט 52
מעלאָנען 53

פּליטן

א. פּליטן נאַקעטע 54
ב. קליינע, אַנטשלאָפענע דערפער 54

צום דאָרף

א. אויף מײַנע הענט 56
ב. דו דאַרפסט ניט קײנעם . . 56
ג. מײַן דאָרף! 57
ד. איך האָב געטרונקען פון דײַן קוואַל 57
ה. די גאַסן, די פאַרפלאָנטערטע . 58
ו. איך רײד צו דיר פון שטײַן . . 58

די טרעפּן־גאַס

א. אַ טרעפּן־גאַס שנײַדט זיך אַרײַן . 59
ב. שנײַד־אויף 59
ג. קעלערס, ווו מען רעדט לאַדינאָ . 61
ד. די קלײנע זון 62
אויבסט־קרעמער 63

אײַזערנע שטאָט

א. גאָרנס 64
ב. ווו מיר האָבן אַ מאָל . . . 64
ג. איך און דו 65
ד. קלאַפּט מען מיט פויסטן . . 65
ה. אין די פאַרלאָשענע . . . 66

ירושלים

א. אַ הײסער ווינט 67
ב. ...און לײבן לעבן ניט מער . . 67
ג. דו לעבסט אין מיר 68
ד. זענען מיר געשטאַנען . . . 68

זון צווישן כוואַליעס

א. דער ווינט איז בלאָ אויפן ים . 70
ב. אויף מײַן קלײנעם שיפל . . 70
ג. איז דאָס דער בלענד און בלי . 71
ד. שרײַב איך לידער פון ים . . 71
ה. הײבט זיך דער ים צו מיר . . 72
ו. פינקלט דער ים און בלענדט . 72
ז. פון אַלע ימען 73
ח. שײל איך זיך אויס 73
ט. הער איך דעם שטורעם . . . 74
י. קלײנער פאָרט 74
יא. טרײסל איך אָפּ 75
יב. ווי די ימען פול 75
פון דאָס נײַ 76
* * * איז דאָס מײַן סוד . . . 77

גליל

רוים 81
סיכינין 82
די כשרע ווײַבער פון תירען . . 83
בײַ דער הײל פון שמעון בר־יוחאי . 84

באַגעגענישן אין צפת

א. משיח 85
ב. מײַן טאַטע 86
ג. אַר״י 87
ד. ר׳ יוסף קאָרו 88
ה. די קלויז 89
ו. די מאַמע 90

בית שערים

א. צײַט 91
ב. דער קריגער 91
ג. דער רופא 92
ד. נאַרציסן 92
ה. יוסטוס 93

אלונים

א. ווײַסע שטיבער בײַ נאַכט . . 94
ב. טריט פון מיטן־דער־וואָכן . . 94
ג. לאָז אונדז קניען צו גראָזן . 95
ד. דעמבעס רינגלען אַרום . . . 95
ה. סטעזשקעס שמאָלע . . . 96
ו. שטילקײטן רײדן זיך צונויף . 96
כורזים 97
אָדע צו דער ערד 99
בינען 101

צו אַ פרײַנד

א. פון אַלץ 104
ב. וואָס ווערסט צו זײ ברענגען . 104
ג. די הויכע גאָרנס 105

שאַבריע

א. האָט לבנה 106
ב. מיר טרינקען ניט מער אויס . 106

ג. דער מולד מאַניעט צונויף . . 107
ד. קעמלען פון באַזאַלט . . . 108
ה. אין אַלמגור 109
ו. מיר קומען זיך נענטער צונויף . 109
ז. גאַסן פון אַלמגור 110

כּינרת

א. טבריה 111

ב. גרינע פישער 112
ג. מאַמע 113
ד. ער 114
ה. לוויה 115
ו. וועסט ווידער זײַן 116
* * * נאָך איז אַלץ דאָ . . . 117

נגב

סענדערל קומט צו די רויטע יידעלעך

א. די פּאַפּירענע בריקן . . . 121
ב. לאָמיר אויסטאָן די שיך . . 121
ג. שטויב פון סמבטיון . . . 122
ד. ייִדן פון יענער זייט סמבטיון . 123
ה. גראָזן געצויגענע פאַר די האָר . 124

קאַמראַן

א. זאַלץ 126
ב. מגילות 128
ג. מצדה 130
ד. קאַמאַרן 132
ה. צוואה 133
ו. אין די טריט פון מורה־צדק . . 134
ז. דער לאָמפּ פון אַלאַדין . . . 135
ח. שאַקאַלן 136
ט. מורה־צדק 137
י. איסיים 138
יא. סדום 140

גראָזן

א. פון טויזנט־צאַליקן רערן . . 142
ב. שטרעקן אויס 142
ג. מיט שטראַלן פון זון . . . 144
ד. גרויס און דאַר 144
ה. דיונע־געלער האָר פון נגב . . 145

קלאַנגען פון נגב

א. דימונה 148
ב. פּאַר טאָג 149
ג. בענקשאַפט 150

ד. נאַכט 151
ה. לכיש 152

פּלשת

א. אשקלון 153
ב. ניקע 154
ג. עזה 155
ד. דלילה 156
ה. אשדוד 157

פּטיש

א. ווינט 158
ב. כאַטעס בליען 158
ג. מיר 159
ד. דאָ וואַכן ווענט 159
ה. מענטש פון דער פולער וואָך . 159
ו. צום סנה האָט מען זי אָפּגעפירט . 160
ז. בײַ נאַכט 161
ח. אויפן הונגערשליאַך . . . 161
ט. גרענעץ קוקט אין דיר אַרײַן . . 162

צו מײַן זון

א. די קוואַלן מײַנע 163
ב. וואָס כ׳האָב ניט דערהאָרכט . . 163
ג. מײַן זון אַנטלויפט 164
ד. ברויגע חאַמסינען 164
ה. גרויסע שטאַלן 165
ו. יעדער שטיין 165
ז. ניט איך 166
ח. אַנגעמאָסטן און גוט . . . 166
ט. פאַרוויקל מיך 167
י. פּאַלאַצן, וואָס איך האָב געבויט . 168

ביכער, דערשינען אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג

אינעם יאָר 1963

אפרים אויערבאַך	וואַך איז דער סטעפּ (לידער און פּאָעמעס)
יוסף ארליך	וואָלבראָם (יידיש־העברעיש)
חיים בעז	אונדזער דור מוז אַנטשיידן (עסייען, רעפּאָרטאַזשן, באַטראַכטונגען)
י. גויכבערג	מיט לייב און לעבן (לידער)
י. גויכבערג	מיט אַ שמייכל (לידער)
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָגביכער (עסייען)
דוד גלילי־גלאַצער	ביים קוואַל (לידער)
מאַטעס דייטש	יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד (עסיי)
יחיאל האָפּער	אַמאָל... (דערציילונגען)
שלמה וואַרזאַגער	זאַמד (ראָמאַן)
שפרה ווערבער	דמעתו של איציק (באַלאַדעס פאַר יוגנט)
ישעיה זאַנדבערג	דער שונא אין די מויערן (פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין בעלגיע)
דניאל טשאַרני	די וועלט איז קיילעכדיק — (מיינע דאָקטוירים, טאָג־בוך פון אָקופּירטן פּאַריז) (בשותפות מיט ציקאָ־פאַרלאַג)
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
מאַני לייב	שירים ובלדות — לידער און באַלאַדן (יידיש־העברעיש)
מאַלאַשאַ מאַלי	צוויי וועלטן (דערציילונגען)
משה פולאַווער	טעג אָן ליכט
שמחה פאָליאַקעוויטש	געווען איז אַ געטאָ (געטאָ — לאָדזש)
פּעטערזייל־בוך	זיין לעבן, אָפּשאַצונגען און זכרונות. רעדאַגירט פון י. זרבבל
יעקב פרידמאַן	נפילים (דראַמאַטישע פּאָעמע)
איטה קאַליש	אַ רבישע היים אין אַמאָליקן פּוילן
מאיר קוטשינסקי	נוסח בראַזיל (דערציילונגען)
יאָסל צוקער	שריפטן (דערציילונגען)
י. ראַפּאָפּאָרט	מהות פון דיכטונג (עסייען, נאָטיצן, רעצענזיעס וועגן דיכטער און דיכטונג)
ישעיהו שפיגל	די בריק (ישראל נאָוועלן)
ברוך שפינאָזאַ	די עטיק (איבערגעזעצט: ש. ווינער)

1964

רחל־אויערבאַך	אין לאַנד ישראל (רעפּאָרטאַזשן, עסייען, דערציילונגען)
יצחק פאַנער	„זון און שאָטן" (ישראל־מאָטיוון)
י. זרבבל	ביקור בברית המועצות (רשמים ופגישות)
בינם העלער	נייע לידער (לידער)

ישראל קאַפּלאַן	שליאַך און אומוועג (דערציילונגען)
י. פּאַפּיערניקאָוו	פון צווייטן בראשית (ישראל־לידער)
ש. שלום	לידער און פּאָעמעס (איבערזעצט פון חיים באַרקאַן)
דער וועג	(זאַמלבוך)
יחיאל האָפער	מיט יענעם און מיט זיך (עסייען)
שרה האַמער־דזשאַקלין	שטאָט און שטעטל (דערציילונגען)
יעקב בעלעק	סינטעז צווישן סאָציאַליזם און רעליגיע (הויפטפאַרקויף)
ראַשעל וועפּרינסקי	די פּאַליטרע (לידער)
מ. גראָס־צימערמאַן	אינטימער ווידעראַנאַנד (עסייען)
לייזער אייכענראַנד	דאָס ברויט פון צער (לידער)
הדסה רובין	פון מענטש צו מענטש (לידער)
ש. אַפּטער	די פרייסינגערס (ראָמאַן) בשותפות מיט ציקאָ פאַרלאַג